STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05339

YIDISH IN AMERIKE IN LIKHT FUN MEDINES YISROEL

Ascher Penn

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Leon Lederman
in memory of
Isidoroe & Ann Lederman and Peretz & Dina Brenner*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידיש אין אַמעריקע
אין ליכט
פון מדינת ישראל

אַן איבערזיכט וועגן דעם מצב פון דער יידישער שפּראַך
און פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע היינט־צו־טאָג

פון

אָשר פּען

1948

Copyright, 1948, by
ASCHER PENN
New York, N. Y.

Printed in United States of America by
The Shoulson Press, 227 W. 17th St.
New York, N. Y.
255

אַ פּאָר ווערטער אַלס אַן הקדמה

„יידיש אין אַמעריקע אין ליכט פון מדינת ישראל" איז די צווייטע בראָשור, וואָס דער שרייבער גיט אַרויס אין משך פון די לעצטע 8 יאָר וועגן דעם מצב פון דער יידישער קולטור דאָ אין לאַנד. די ערשטע בראָשור אונטער דעם האָפערדיקן און קעמפערישן טיטול „יידיש אין אַמעריקע מוז גיין באַרג אַרויף," איז דערשינען אין יאָר 1941 און האָט זיך פריער געהאַט געדרוקט אַלס אַ סעריע אַרטיקלען אין דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט," וואו דער שרייבער איז געווען איינער פון די נאָענטע און גאָר לעצטע מיטאַרבעטער. ווען די סעריע אַרטיקלען איז דערשינען צווישן צוויי טאָוולען, האָט די אָפּהאַנדלונג אַרויסגערופן אַ היפּשע צאָל קאָמענטאַרן אין דער יידישער פּרעסע פון ניו־יאָרק און איבער דעם גאַנצן לאַנד. צווישן די, וואָס האָבן דעמאָלט זיך אָפּגערופן האָבן זיך געפונען ש. ניגער, דר. א. מוקדוני, אהרן צייטלין, מלך ראַוויטש, משה נאַדיר, ב. ריווקין, ש. טענענבוים און אַ ריי אַנדערע אָנגעזעענע יידישע פּובליציסטן.

ווען איך קוק איצט צוריק, ווען איך מיש דעם קאַלענדאַר צוריק אויף זיבן, אַכט יאָר, דערמאָנט זיך, אַז ס'איז נאָך דעמאָלט מעגלעך געווען צו זיין אָפּטימיסטיש וועגן דער צוקונפט פון יידיש אין אַמעריקע. דאָס איז מעגלעך געווען טאַקע דערפאַר, וואָס מיט זיבן יאָר צוריק איז נאָך אונדזער גאַנצע וועלט געווען אַן אַנדערע און אפשר האָט, פון אַ פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט, דערמיט אויך צו טאָן דער פאַקט, וואָס דער שרייבער איז דאַן ערשט געווען אַריבער די דרייסיק . . .

צוריק מיט אַ זיבן, אַכט יאָר, ווען איך האָב געשריבן, אַז „יידיש אין אַמעריקע מוז גיין באַרג אַרויף," האָב איך געהאַט דעם גלויבן און דעם איינדרוק, וואָס יעדער ניי־געקומענער יידישער מענטש האָט וועגן דעם רייכן יידישן לעבן דאָ אין לאַנד. (דער

שרייבער פון די שורות איז דאָן געווען זעקס יאָר פון האוואַנאַ, קובאַ, וואוהין ער איז געקומען אַלס יונגער ייִנגל און אָפּגעלעבט דאָרטן אַרום 13 יאָר). און דער איינדרוק פון יעדן ניי־געקומענעם וועגן יידישן לעבן אין אַמעריקע איז, אַז עס איז גרויס און אַז די מעגלעכקייטן זיינען גרויס. מיט די יאָרן אָבער, וואָס קומען און גייען, און דורך דעם נעענטערן באַקענען זיך מיט דעם דערשי־טערנדיקן פאַקט וועגן דער פאַרנאַכלעסיקטער יוגנט אין שייכות צו יידיש, הויבט זיך אָן צו בייטן די מיינונג פון שטאַרקסטן אָפּ־טימיסט אַפילו.

מיר שרייבן די דאָזיקע ווערטער און עס טוט וויי. פאַרלוירן־געגאַנגען אַ סך פון אונדזער גלויבן, פאַרלוירן... פאַר דעם גרעסטן אָפּטימיסט, ווי יונג און ווי האָפּערדיק ער זאָל נים זיין, איז שוין איצט נים מעגלעך צו שרייבן קיין דעפיניטיווע פּראָגראַמען, ווי פריער. די וואָס גלויבן אָבער, און ספּעציעל די, וועמעס הערצער עס קלאַפּן פייערדיק פאַר אַלץ, וואָס איז יידיש, די קענען נים שווייגן, ווען די לאַגע איז שוין געוואָרן אַזאַ, אַז אָנגעזעענע יידישע שרייבער זאָלן אין צייטונגס־אַרטיקלען שוין אָפּזאָגן יידיש דאָס לעבן און זיך שאָקלען פרום, זאָגנדיק קדיש...

עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים, ווי אַזוי צו שטעלן אַ דיאַגנאָז און אַנאַליזירן דעם טרויעריקן צושטאַנד פון יידיש דאָ אין לאַנד. אָנערקענען די קראַנקייט און גאָרנים טאָן, אָדער אָנערקענען און טאָן אַלעם מעגלעכעס און אַפילו אָננעמען מיטלען, וואָס זעען אויס צו זיין אוממעגלעך. אַרויסקומען אין דער ברייטער עפנטלעכקייט און זאָגן אַז יידיש גייט אונטער און גאָרנים טאָן איז אַ מאָראַ־לישער פאַרברעכן.

עס קומען זיך איצט צונויף אין ניו־יאָרק פאָרשטייער פון יידישע ישובים פון דער גאַנצער וועלט אַלס דעלעגאַטן צום אַל־וועלטלעכן קאָנגרעס פון דער יידישער קולטור. עס קומען זיך צו־נויף יידישע טוער, וועמען יידיש איז טייער. איצט איז די צייט צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן די יידישע קולטור און דער עיקר, ווי אַזוי צוציען די יוגנט. די יוגנט, די יוגנט! — אָט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. מיט דער פולסטער אָפנהאַרציקייט

מוז מען געפינען די פעלערן, וואָס זיינען ביז איצט באַגאַנגען גע־וואָרן. אין פיל פון אונדזערע טעטיקייטן מוז אַריינגעבראַכט ווערן מער אָרדנונג, מער סיסטעם. אין לויף פון די יאָרן קלייבן זיך אָן פאַרשידענע אָבזערוואַציעס, פאַרשידענע אידייען און אויך טענות. איצט, ווען יידיש שטייט אויף דעם סדר היום, איז עס די געהעריקע צייט מיט זיי אַרויסצוקומען. דערפאַר קומען מיר איצט צו דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט מיט אונדזער צווייטער בראָשור „יידיש אין אַמעריקע אין ליכט פון מדינת ישראל.״

ניו־יאָרק, סעפטעמבער, 1948

קאַפּיטל 1.

די גרעסטע טראַגעדיע און די גרעסטע פרייד אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין איינע פינף יאָר צייט. — דער טיפער פאַרלוסט פון די יידיש־רעדנדיקע. — פיזיש אָפּגעשוואַכט און גייסטיק פאַרשטאַרקט. — אַ צוריקקער צו יידישקייט, אָבער ניט צו יידיש.

מיר לעבן איצט איבער אַן עפּאָכע, וואָס וועט אויף אייביק פאַרשריבן ווערן אין דער יידישער געשיכטע. אין איינע פינף יאָר צייט איז דאָס יידישע פאָלק דורכגעגאַנגען די טיפסטע טראַגעדיע, וואָס האָט ווען עס איז געטראָפן אַן אַנדער פאָלק אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע, און אין די זעלביקע פינף יאָר האָבן די יידן דערלעבט צו געניסן פון אַ פרייד, וואָס איז פונקט אַזוי זעלטן באַשערט געווען וועלכן עס־איז היימלאָז־געוואָרענעם פאָלק.

אין איינע פינף יאָר צייט האָבן מיר פאַרלוירן אויף דעם שרעקלעכסטן אופן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, און אין די זעלבע פינף יאָר צייט האָבן מיר אין אַנטשלאָסענעם קאַמף צוריקגעקראָגן אונדזער היימלאַנד, ארץ ישראל. דער טרוים, דער חלום פון פאַר־פייניקטע דורות, איז אויף אַן אומגלויבלעכן אופן מקוים געוואָרן.

וויכטיקע דאַטעס פון אומקום און פון אויפלעבונג, פון פינס־טערניש און פון ליכטיקייט, זיינען אַזוי ווי אין איין אָטעם איינ־געשריבן געוואָרן אין דער יידישער געשיכטע פון אונדזער צייט. עס איז געשען אַזוי ווי עפּעס אומפאַרגלייכבאַרעס, וואָס האָט אפילו אין דעם קאָלירררייכן און פאַרשידנאַרטיקן יידישן לעבן קיין פּרע־צעדענט ניט, קיין ביישפּיל ניט. און מעג איינער זיין ווי רעזער־ווירט, ווי קאַלטבלוטיק, און מאַכן דעם אָנשטעל פון זעלבסטקאָנטראָל און פון ניט וועלן זיין „צו שטאַרק" באַגייסטערט „פאַר דער צייט," יעדער איינער מוז אָבער צוגעבן, אויב ער וויל זיין אויפריכטיק אַפילו נאָר מיט זיך אַליין, אַז דאָס וואָס עס איז געשען אין ארץ

ישראל, לייגט אַ פעסטן שטעמפּל אויף אַלץ, וואָס האָט נאָר צו טאָן מיט יידן און מיט דעם יידישן לעבן אומעטום. ווייל דורך דור דורות, דורך די יאָרהונדערטער, האָט יעדער יידיש קינד געוועבט דעם חלום פון דעם יידישן היימלאַנד. גייסטיק, איז ארץ ישראל און ירושלים אַלעמאָל געפלאָסן אין אונדזערע בלוטן.

די סקעפּטיקער, סיי אין פּריוואַטן, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי די פון געשריבענעם, סיי די פון גערעדטן וואָרט, — זיי האָבן זיכער ניט געגלויבט, אַז דאָס אויפשטיין פון אַ יידישער מלוכה, פון אַ יידישער רעפּובליק, וועט טאַקע געשען אין אונדזער צייט. אינגאַנצן זיכער זיינען אפשר טאַקע ניט געווען אַפילו די פייערדיקסטע אידעאַליסטן. דער אונטערשיד אָבער איז געווען דערין, וואָס דער סקעפּטיציזם, דער אַזוי גערופענער „פּראַקטישער" צווייפל, האָט געדינט די ניט־גלויביקע אַזוי ווי אַ צודעק, אַ שילד פאַר זייער קעגנערשאַפט, וועלכע זיי אַליין האָבן באַוואָוסטזיניק, און אפשר אויך אומבאַוואוסטזיניק, ניט געוואַגט אַרויסצואַווייזן אין דער צייט פון דער היסטאָרישער דערוואַכונג פון דעם יידישן פאָלק.

דער דאַטום פון דעם 29־טן נאָוועמבער איז געקומען אומגעריכט פאַר אַ גרויסער צאָל יידיש־דענקנדיקע מענטשן פון אַלטן חדר. דער באַשלוס פון דער גענעראַל אַסעמבלי פון דער יו־ען, פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, איז באמת אין לעצטן מאָמענט געווען אויך אַן איבערראַשונג פאַר די מענטשן, וואָס זיי־נען וואָכן־לאַנג געווען פאַרבונדן מיט די פאַרהאַנדלונגען אין פלאַשינג מעדאָו און אין לעיק סוקסעס זעלבסט. דער שרייבער פון די שורות וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם פיינלעכן פרייטיק פון דעם 28־סטן נאָוועמבער, פרייטיק פאַרנאַכט. אַלץ איז געווען גרייט, אַז דער באַשלוס זאָל מיט דער נויטיקער מערהייט שטימען דורכגיין פאַר דער גרינדונג פון אַן יידישער מלוכה אין ארץ ישראל. אין לעצטן מאָמענט האָט אָבער זיך פאַרמירט אַן אָפּאָזיציע און די גאַנצע אַרבעט האָט אויסגעזען ווי אַרויסגעוואָרפן. אויף צומאָרגנס אָבער, ווען די האָפנונג איז ניט געווען אַזוי שטאַרק, און פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן ציון־קעמפער האָט מען זיך געריכט אויף נייע

אַפּליגעניש און פאַרדרייעניש, האָט אַזוי־ווי אַ נס פּאַסירט און די אַראַבער האָבן פאַרפעלט אויסצונוצן אין דער פולער מאָס אַ פּאָזיציע, וואָס זיי אַליין האָבן פריער אויסגעמאַנעווירט, און דער באַשלוס פאַר אַן יידישער מדינה, דער חלוקה־פּלאַן, איז אַנגענו־מען געוואָרן.

מיר דערציילן דאָ דעם דאָזיקן פאַקט פון אייגענער איבער־לעבונג, ווייל שנעל, צו שנעל, אפשר, האָבן וויכטיקע געשעענישן זיך אַנטוויקלט פאַר אונדזערע אויגן אין די לעצטע פאַר יאָר. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען דער היינט און דער מאָרגן זיינען ווי מיט אייביקייטן פאַנאַנדערגעשיידט. די בעסטע פּאָליטיקער, די בעסטע דיפּלאָמאַטן אונדזערע, בלייבן אָפט שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און מיט אַ גרויסן פראַגע־צייכן אויפן פּנים פון גרויס אי־בערראַשונג.

מיר לעבן אין אַ צייט פון דער גרעסטער שנעלקייט, פון דער העכסטער טעכנישער אַנטוויקלונג און פון גרויסע ענדערונגען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. די בעסטע פון אונדז, די „קליגס־טע," געפינען זיך אָפט אין אַ פּאָזיציע, וואָס אין זייער ווייטסטער פאַנטאַזיע האָבן זיי זיך עס ניט פאָרגעשטעלט. זאַכן און קאָנדי־ציעס בייטן זיך שנעל. שנעל. שנעל. די פּלוצימדיקייט און די שנעל־קייט אָבער פאָדערן פון אונדז אַלעמען אַ געוויסע צופּאַסונגס־פייאיקייט. די נייע סיטואַציעס פאָדערן נייע מיטלען, נייע סטראַ־טעגיעס. דאָס לעבן וויל ניט „וויסן פון קיין חכמות" און אַזוי ווי אַן אויטאָמאַט, וואָס האַלט דעם סוד פון אייביקער באַוועגונג, אַזוי גייט דאָס לעבן ווייטער און ווייטער אָן. און אויב מיר קענען ניט נאָכגיין, בלייבן מיר הינטערשטעליק און פאַלן אָפט אַרונטער אונ־טער די רעדער פון דער גייענדיקער מאַשין.

אָט די אַלע ווערטער און אָט די אַלע רייד — צו וואָס ווערן זיי אָט־דאָ געבראַכט? צו וואָס די אַלע אַריינפירן און משלים?! מיר שטעלן אָט די פראַגע, ווייל מיר ווילן אין איין און דער זעל־ביקער צייט, אויב עס איז נאָר אַזאַ זאַך מעגלעך, אי לייכטער, אי שווערער מאַכן די באַשולדיקונג, וואָס מיר שטעלן אַרויס קעגן דער

יידישער, בעסער געזאָגט, קעגן דער יידישיסטישער אינטעליגענץ, קעגן דער יידישיסטישער פּירערשאַפט.

אַט אַזוי ווי איבערנאַכט האָט עס פּאַסירט, און מיט אַלע שווידערלעכע איינצלהייטן פון די גאַז־קאַמערן פון מאַידאַנעק און טרעבלינקא, פון בוכענוואַלד און דאַכאַו, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מיליאָנען און מיליאָנען פון אונדזערע שענסטע זין און טעכטער זיינען פאַרברענט און פאַרגיפטעט געוואָרן. צוזאַמען מיט די גיהנום־דיקע איינצלהייטן פון זייער פיזישן אומקום, האָבן מיר געקראָגן די טרויעריקע ידיעה, אַז אויך דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון דעם קערנדיקן יידישן פּוילן איז אַוועק מיט דעם פייער און אַזוי אויך איז דאָס גייסטיקע יידישע לעבן פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע יידישע קיבוצים אַוועק מיט דעם רויך... מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז סיי פיזיש, סיי גייסטיק, זיינען מיר פאַריתומט געוואָרן. און איבער־נאַכט איז פון אונטער אונדזערע אַלעמענס פיס אַזוי ווי אַרויסגעריסן געוואָרן דער פונדאַמענט פון אונדזער יידישער וועלט־קולטור. צענד־ליקער טאָג צייטונגען, הונדערטער וואָכנבלעטער און זשורנאַלן, הונדערטער שולן, סעמינאַרן און גימנאַזיעס, ביבליאָטעקן, מוזייען, אַרכיוון און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס, זיינען אונדז אונטער־געגאַנגען.

גרויס איז געווען און גרויס איז נאָך ביז היינט־צו־טאָג אונדזער נאַציאָנאַלער בראָך! וואָס עס זאָל ניט געשען, — גאָרניט, גאָרניט וועט אונדזער אומגליק לייכטער מאַכן. דאָס איינציקע, וואָס עס האָט פּאַסירט און וועט נאָך פּאַסירן איז דאָס, וואָס די צייט וועט אונדז מאַכן דעם אומגליק ביסלעכווייז צו פאַרגעסן. אַט אַזוי ווי עס פּאַסירט ביי אַלע נאַציאָנאַלע און פּערזענלעכע טראַגעדיעס.

די יידיש־רעדנדיקע און די יידיש־דענקנדיקע טייל פון דעם יידישן פאָלק, אַט די טייל וואָס איז דורות־לאַנג געווען דער רע־זערוואואַר פון אַלץ, וואָס איז געווען שעפעריש און בויענדיק און פרוכטבאַר אין אונדזערע רייען, אַט די טייל פון אונדזער פאָלק האָט געליטן אַמטיפסטן און אַמשאַרפסטן. דאָס איז אפשר געווען דער „נאַטירלעכער" גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. ווייל די יידיש־רעדנדיקע זיינען די גרעדיכטע פאָלקסמאַסן, די אַר־

בעטער און דער מיטלקלאַס, די, וואָס זיינען פינאַנציעל ניט געווען ממש בכוח זיך צו ראַטעווען און אַנטלויפן אין צייט איידער דער נאַצישער מאָנסטער האָט זיי דערגרייכט. די יידיש־רעדנדיקע זיינען אויך געווען די, וואָס האָבן צוגעשטעלט דעם גרעסטן פּראָצענט קעמפער קעגן דעם נאַציזם. זיי זיינען עס געווען די מיטגלידער פון די פאַרשידענע פּאַרטייען און גרופּן, וועלכע האָבן געזוכט אַרויסצו־שטעלן, און האָבן טאַקע אַרויסגעשטעלט, אַ ווידערשטאַנד. און אַז ווי עס וואָלט געווען דער קאַפּריז פון די טרויעריקע געשעענישן, זיינען עס די, וואָס האָבן אַממערסטן געליטן, — די יעניקע, וועלכע ווערן אַמווינציקסטנס געהאַלפן איצט, נאָך דעם ווי דער גרויסער שטורעם איז שוין פאַריבער און מיר האָבן שוין צייט געהאַט אי־בערצוציילן אונדזערע קרבנות און זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון ווי טיף מיר זיינען עס געטראָפן געוואָרן...

עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז מיט פעלקער איז עס פּונקט אַזוי ווי מיט איינצלנע מענטשן. ווען אַ מענטש פאַרלירט אַן אבר, פירט שוין אַזוי די נאַטור, אַז דער פאַרלוסט זאָל פאַרגיטיקט ווערן. און אַזוי איז עס איצט מיט דעם יידישן פאָלק. פיזיש איז אונדזער פאָלק שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער גייסטיק איז אונדזער פאָלק איצט שטאַרקער ווי פריער. עס איז אַ פאַקט, אַז אין אַן עת־צרה קומען צום לעבן כוחות פאַרבאָרגענע, פון וועלכע ניט די איינצלנע פּערזאָן און ניט דאָס גאַנצע פאָלק האָט געחלומט, אַז זיי זיינען דאָ. אַלס אַ פאָלק פון צוועלף מיליאָן איז אונדזער נאַ־ציאָנאַלער ווילן, אונדזער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין איצט שטאַרקער, ווי פריער. מיר זיינען ווי איבערנאַכט געוואָרן אַ פאָלק מיט אַ ציל, אַ פאָלק מיט אַנטשלאָסנקייט, און אויך, פּלוצים, אַ פאָלק מיט אַ ביקס, מיט אַ פויסט און אויך, ווי קיינמאָל פריער, אַ פאָלק פון גבורים.

ווי איבערנאַכט, אָט אַזוי, ווי דורך אַ געהיימען באַפעל, איז אויפגעקומען אַן יידישע באַוואוסטזיניקייט אין אַזעלכע קרייזן פון יידישן פאָלק, וואו מ׳האָט פריער אָדער ניט געוואוסט דערפון, און אויב מ׳האָט יאָ געוואוסט, האָט מען זיך מיט דעם ביסל יידישקייט געשעמט. סיי אין די נאַציאָנאַלע, סיי אין די רעליגיעזע יידישע

קרייזן, קומט פאַר אַ ממש שטורמישע אויפלעבונג. די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ווערן געדיכטער מיט יעדן טאָג. יוגנט־לעכע, פונקט ווי עלטערע, שליסן זיך אָן. אַ מאַסן באַוועגונג פון צוריקקער צו יידישקייט, צו תורה, מערקט זיך אויף אַן אינטענ־סיוון אופן.

דעם דאָזיקן דערמוטיקנדיקן צושטאַנד איז צו מערקן אין דעם לאַגער פון די רעליגיעזע יידן, ווי אויך אין דעם לאַגער פון אַלע ווינקלען פון דעם יידישן לעבן, אויסער איינעם, און דאָס דאָזיקע ווינקל, וואו קיין נייַ לעבן, קיין נייער רענעסאַנס איז ניט צו גע־פינען, איז דער יידיש־רעדנדיקער טייל, דער יידיש־שאַפנדיקער. און אַט דער טייל פון דעם יידישן לעבן האָט, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַממערסטן געליטן. נייַ בלוט, נייַ לעבן פאָדערט זיך, אָבער קיין נייַ לעבן, קיין נייַ בלוט קומט ניט צו! און גאָרניט, גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דעם גרויסן פאַרלוסט, איז געטאָן גע־וואָרן, און גאָרניט, גאָרניט, וואָס זאָל זיין גרויס אין פאָרנעם, ווערט געטאָן.

קאַפּיטל 2.

די יידיש־רעדנדיקע אינטעליגענץ אויף דער באַשולדי־קונגס באַנק. — יידיש־קעמפנדיקע יידן, וואָס זיינען ווי פרעמדע אויף דער גרויסער נאַציאָנאַלער חתונה. — די רעוואָלוציע אויף דער יידישער גאַס, וועלכע אַ סך יידישע שרייבער פאַרשטייען ניט. — די פּרייז, וואָס די מינאָריטעט צאָלט פאַר איר פרייהייט. — נאַציאָנאַלע אויפלעבונג פון יונגן דור.

די יידישע טוער, די יידישע שרייבער, די, צו וועלכע מ׳הערט זיך צו און פון וועלכע מ׳דערוואַרט פירערשאַפט, זיי האָבן ניט געענטפערט אויף דעם רוף פון מאָמענט. אַ נאַציאָנאַלער אומגליק האָט אונדז געטראָפן, און זיי, וועלכע האָבן געקענט זאָגן דאָס געהעריקע וואָרט אויף זייער באַרופענעם געביט, זיי זיינען געבליבן שטיל, זיי האָבן ניט געפונען פאַר נויטיק צו ברענגען דאָס ריכטיקע וואָרט אין דער ריכטיקער צייט.

דאָס איינציקע, וואָס מ׳האָט אפשר יאָ אינזינען, איז אַרויסגעבן גרויסע ביכער, זאַמלביכער, וואָס קענען אַמבעסטן פאַרגליכן ווערן צו די טשעמאָדאַנען, צו די וואַליזעס, צו די פּעקלעך, וואָס מענטשן פּאַקן־אָן אויף שנעל, ווען זיי האַלטן אין אַנטלויפן, ווען זיי האַלטן אין כאַפּן דעם לעצטן באַן, די לעצטע שיף...

עס ווילט זיך ניט וואַרפן מיט קיין באַשולדיקונגס־אַקטן אויף דעם און אויף יענעם. עס איז לייכט, זייער לייכט צו באַשולדיקן. נאָר עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק פון דער יידיש־רעדנדיקער עפנטלעכקייט, זיצט די באַוואוסטזיניקע יידיש־רעדנדיקע אינטעליגענץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, די יידישע אינטעליגענץ, וועלכע האַלט ווידער אין דער איצטיקער גורלדיקער שעה אין „פאַרשפּעטיקן דעם באַס,״

אין אַנווערן דעם באַן, שוין טאַקע אפשר דעם לעצטן באַן, די לעצטע געלעגנהייט ... די יידישע אינטעליגענץ, די יידישע שרייבער, די יידישע לערער, זיי האָבן ניט באַוויזן צו ווערן אַן אינטעגראַלער, אַן איינהייטלעכער טייל פון דעם נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט, פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אין דעם איצטיקן נאָך-מלחמה-פּעריאָד.

ניט באַוויזן האָט כמעט קיין איין, אַזוי גערופענער, יידישיסטישער פירנדיקער שרייבער, זיך צו אידענטיפיצירן מיט דעם יידישן געדאַנק און געפיל פון דער איצטיקער צייט. און ווען מען לייענט אונדזערע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון ניו-יאָרק, דוכט זיך אייך אויס, אַז זיי זיינען פרעמדע, וואָס ס׳איז שייך די וויכטיקע יידישיסטישע פּובליציסטן און זשורנאַליסטן אונדזערע. די שרייבער זיינען פרעמדע אויף דער גרויסער נאַציאָנאַלער חתונה אונדזערער. זיי רעדן ווערטער אָט ווי פאַר דעם מבול, פאַר דעם חורבן.

אויסגעליידיקט פון כמעט יעדן פאַרעלטערטן באַגריף, וואָס האָט געהאַט וועלכע ניט איז באַדייטונג, ווי „אידישיזם לשם וועלטלעכע קולטור,״ ווי „סאָציאַליזם,״ „טעריטאָריאַליזם,״ איז יידיש לשם יידיש אַליין שוין אַן אויסגעשפּילטער ענין. יידיש צוליב וואָס? ! אָט דאָס איז אַ פראַגע, וואָס עס שטעלן איצט די באַוואוסטזיניקע יידיש-רעדנדיקע מענטשן. די, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן מיט יידיש אַלס זייער מוטער שפּראַך, די, נאַטירלעך, פרעגן קיין קשיות ניט. די דאָזיקע יידן וועלן רעדן יידיש, אפילו ווען זיי זאָלן עס ניט וועלן. זיי וועלן רעדן יידיש ווייל עס רעדט זיך פון זיך אַליין, אָט טאַקע ווי שלום עליכם האָט עס געזאָגט. אָבער פאַר דער צוקונפט, אויב מיר זיינען פאַראינטערעסירט טאַקע באמת, אַז יידיש זאָל אויך ווייטער בלייבן לעבן, דאַן מוזן מיר געפינען אַ נייע טרייב-קראַפט, דאַן מוזן מיר געפינען אַ וואָגן, אויף וועלכן יידיש זאָל קענען ווערן אַ וויכטיקער פּאַסאַזשיר אָדער אַפילו כאָטש אַ באַגלייטער. זיכער וועלן אַלע צוגעבן, אַז אַזאַ כוח איז ניט דער בונדיזם, וועלכער נעמט אין זיין גאַנצער בלינדקייט און איינגעשפּאַרטקייט איצט נאָך ווייטער אַן רעזאָלוציעס קעגן ארץ ישראל, רעזאָלוציעס פון פאַר-כמעלניציקס צייטן ...

עס איז דאָ איין באַוועגונג, מיט וועלכער יידיש מוז זיך אויפסניי

באַהעפטן פאַר דעם וואוילזיין פון די יידן אין אַמעריקע און ארץ ישראל. און אַט די דאָזיקע באַוועגונג קען שוין און טאָר שוין אפשר מער ניט אָנגערופן ווערן מיט דעם באַגרעניצטן און ווייניק־זאָגנדיקן נאָמען „באַוועגונג.״ עס איז שוין ניט קיין „באַוועגונג,״ עס איז אַ רעוואָלוציע אין דעם יידישן לעבן, ווילט זיך זאָגן. דאָס פאָלק, דאָס פאַרקלענערטע אויף אַ דריטל, פאָלק, איז מיט אַ צענפאַכיקער אַנטשלאָסנקייט אויפגעשטאַנען אין זיין פאַרלאַנג צו ווערן אַ פאָלק מיט אַ לאַנד, אַ פאָלק מיט אַ היים, אַ פאָלק מיט אַן אַדרעס. אַ פאָלק מיט אַ פּאַן. סיי די, וואָס האָבן די זכיה צו באַזעצן זיך אין יידישן היימלאַנד, סיי די מערסטע וואָס וועלן בלייבן ווייטער וואוינען אויסער ישראל, זיינען אַלע געקנופּט און געבונדן מיט דער זעלביקער גרויסער ליבע צו ארץ ישראל. אין איין געוויסן הינזיכט קאָן די ליבע צו ארץ ישראל זיין גראַדע שטאַרקער ביי די, וואָס וועלן ווייטער בלייבן אין אַנדערע לענדער, ווייל דער הייליקער פלאַם פון אידעאַל וועט האַלטן זייער ליבע ריין און אומבאַשעדיקט פון דער רעאַלער טאָג־טעגלעכקייט, וואָס איז אויסגעמישט מיט דעם שעטנז פון פּראָזע... עס ברענט אַ פלאַם־פייער אין האַרצן פון יעדן רעכט־דענקנדיקן יידן... און אויב אַפילו עס וועט אויפן גורל פון דער מערהייט פון יידישן פאָלק אויספאַלן ווייטער צו בלייבן אין גלות, ווייל אַט די מערהייט זיין גייסטיק פאַרבונדן מיט אַט דעם לאַנד. מוז דערפאַר די יידישע שפּראַך, וואָס איז היינט־צו־טאָג נאָך אַלץ דאָס לשון פון מיליאָנען, שפּילן די געהעריקע ראָלע אין אַט דער אויפלעבונג. די יידישע שפּראַך איז אַ נויטיקער אינסטרומענט פאַר דעם אויפבוי פון יידישן היימלאַנד פון ישראל און פאַר דעם אויפהאַלט פון אַ געזונט יידיש לעבן אויסער ישראל.

יידיש, די יידישע שפּראַך און אַלץ, וואָס ווערט נאָך געשאַפן אויף יידיש אין אַמעריקע, געפינט זיך ניט אין קיין אויסערגעוויינלעך גוטער לאַגע. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס קיינער וועט אַפילו שוין מער ניט פּרובירן באַקעמפן. אין דער סביבה פון פרייהייט, וואָס דאָס אַמעריקאַנער לעבן גיט יעדן איינעם און דער פאַרהעלטנישמעסיק גלייכבאַרעכטיקטער צוטריט, וואָס דאָס יידישע קינד האָט צו אַלע לער־אַנשטאַלטן, שאַפט זיך ניט די בעסטע געלעגנהייט

פאַר דער אַנטוויקלונג און אַנהאַלט פון דער יידישער שפּראַך אין דער צוקונפט. עס איז אַ פאַקט, אַז אונדזער יידיש בליט ניט אין די לענדער, וואו די יידישע מינאָריטעט איז פולבארעכטיקט גלייך מיט דער הערשנדיקער מאַיאָריטעט פון לאַנד. דער בעסטער באַוויז פאַר אַט דעם צושטאַנד קאָן דינען דאָס יידנטום פון סאָוועט־רוס־לאַנד, וואו די יידישע שפּראַך און אַלץ, וואָס אויף יידיש, האָט געבליט און זיך אַנטוויקלט און איז געוועזן פּאָפּולער אין משך פון הונדערטער יאָרן ממש. אַזוי שנעל אָבער ווי די אָקטאָבער רעוואָ־לוציע האָט צעריסן אַלע קייטן און דער ייד האָט געקראָגן די פרייהייט אַריינצודרינגען מאַסנווייז אין די גרויסע שטעט, און יידישע קינדער האָבן געקראָגן די פולע רעכט צו גיין אין די רעגירונגס־שולן, זיינען געבליבן שטייען ליידיק די ספּעציעלע יידישע לער־אַנשטאַלטן און ס'האָט גענומען בלויז אַ גאַר קורצע צייט, און אַלץ, וואָס אויף יידיש האָט אָנגעהויבן פאַרוועלקט צו ווערן. דער באַרג־אַראָפּ פון דער יידישער שפּראַך איז אין רוסלאַנד אַוועק מיט אַ מוראַדיקער שנעלקייט, אַזוי אַז עס איז שוין יאָרנלאַנג, ווי בלויז איין וואָכנצייטונג אויף יידיש זעט אוים צו זיין גענוג פּר די מיליאָנען יידן פון דאָרטן.

אויך ביי אונדז אין אַמעריקע הערשט אַן ענלעכער צושטאַנד, וואָס איז שייך דער יידישער שפּראַך. די אַסימילאַציע גייט, נאַ־טירלעך, ניט מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ, ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד, און דאָס איז צוליב אַ ריי סיבות, וואָס ניט דאָ איז דער פּלאַץ און נישט דאָ איז עס נויטיק צום דיסקוטירן. אָבער סיי דאָ אין אַמע־ריקע און סיי דאָרט אין סאָוועט־רוסלאַנד, לייענט ניט די יוגנט קיין יידיש. אויסנאַמען זיינען פאַראַן סיי ביי אונדז, דאָ, און סיי ביי זיי דאָרטן. אַ פאַקט אָבער איז, וואָס ביי אונדז דאָ, איז פאַראַן נאָך דאָ אַ געוויסע אימיגראַציע און עס קומען אַריין טויזנטער און טאַקע צענדליקער טויזנטער פרישע איינוואַנדערער, יידן פון איי־ראָפּע און אויך פון אַנדערע וועלט טיילן. אַ באַדייטנדיקער פּראָ־צענט פון זיי שטעלט צו נייע לעזער פאַר דער היגער יידישער פּרעסע. נייע יידיש־רעדנדיקע יידן אין רוסלאַנד קומען גאָר ווייניק צו, און דער פּראָצענט עלטערע איז דאָרט ניט אַזוי גרויס, באַ־זונדערס איצט, נאָך דעם היטלער חורבן. איינס איז אָבער זיכער, —

פאַר דער פרייהייט, וואָס דער ייד, פונקט ווי יעדע אַנדערע מינאָ־ריטעט, קריגט פון דער מאַיאָריטעט, מוז מען מיט עפּעס באַצאָלן. מען מוז באַצאָלן, ווייל אויך דאָ גילט דער כּלל, אַז אומזיסט קריגט מען גאָרניט. און אין דעם פאַל, קען מען ניט זאָגן, אַז די מינאָרי־טעט איז אומצופרידן. פונקט פאַרקערט. דער גרעסטער טייל פון אָט דער מינדערהייט איז צופרידן אָנצונעמען די שפּראַך און אויך די מנהגים פון דער הערשנדיקער מערהייט אין לאַנד. אַזוי איז שוין די שוואַכקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. ספּעציעל נאָך, ווען די „פּראָדוקטן" פון דער מאַיאָריטעט זיינען אויבנאויף אויף אַ העכערער מדריגה. זייער טעאַטער, זייערע צייטונגען, זייערע זשורנאַלן, זייערע פילמען, אַלץ, אַלץ לאָקט און רופט צום געניסן... און פאַר דער פּריווילעגיע פון זיצן ביים טיש „צוגלייך מיט די גרויסע," צאָלט די מינדערהייט מיט פאַרלירן אויבנאויפיק דעם אייגענעם פּרצוף, די אייגענע אידענטיטעט.

ביי אונדז, דאָ אין אַמעריקע, איז די פּאָזיציע פון יידיש פּראָ־פּאָרציאָנעל מער אָפּגעשוואַכט, ווי, למשל, אין אַרגענטינע. ווייל ביי אונדז דאָ איז פאַראַן אַ געצוואונגענע שול סיסטעם, וואָס שטייט אויף אַ הויכער מדריגה און אין אַלגעמיין איז די קולטור פון לאַנד אַ הויך־אַנטוויקלטע און אירע קאָנקורענץ־מיטלען זיינען אַן אַ פאַרגלייך שטאַרקער, ווי די פון דער יידישער שפּראַך. אין אַזעל־כע לענדער ווי אַרגענטינע און מעקסיקע איז מעגלעך געווען אויעקצושטעלן אַן יידישע שול, וואָס זאָל זיין בעסער ווי די שפּאַנישע שול פון דער הויפּטשטאָט. דאָס האָט געקענט פּאַסירן פּשוט דערפאַר, ווייל די אַרגענטינער אָדער די מעקסיקאַנער שול־סיסטעם איז נאָך ניט גאָר הויך אַנטוויקלט. אין דעם רייכן אַמע־ריקע איז עס אָבער גאָר אַנדערש. און שווער, זייער שווער, איז עס פאַר דעם יידישן לשון צו קעמפן קעגן דעם ענגלישן גבור. דערצו קומט נאָך צו דער פאַקט, וואָס יידיש און ענגליש זיינען גאָר נאָענטע מחותנים, ממש לייבלעכע קאָזינס, פון אַנגלאָ־זאַק־סישן יחוס.

קאַפּיטל 3.

קיין העברעאיש וועט די גרויסע צאָל יידישע יוגנט דאָ שוין ניט קענען, יידיש קען מען פיל פון זיי נאָך יאָ אויסלערנען. — פאַר אַ שטאַרקער מדינת ישראל מוז מען אומעטום אָנהאַלטן אַ שטאַרקן עם ישראל. — אויס יידישיסטן און העברעאיסטן, בלויז יידן. — אַ רוף צו יידישע שרייבער. — די צוקונפט פון ישראל פאַרערט דאָס אויפהאַלטן פון יידיש.

און דאָך, און דאָך, מוז דער קאַמף אָנגעפירט ווערן. מיר ווילן ווייטער ציען דעם גאָלדענעם שנור פון דעם יידישן לשון, ווייל יידיש איז אונדז אייגן, ווייל יידיש איז אַ טייל פון אונדז, אַ טייל פון אונדזער דענקען, אַ טייל פון אונדזער פילן, אַ טייל פון אונדז אַליין. יידיש, און דאָס איז אַ וויכטיקער פונקט ביז גאָר, יידיש איז דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגס מיטל פון דער גרעסטער מערהייט יידן איבער דער גאַנצער וועלט. פאַראַן איצט אַ דראַנג ביי דעם יונגן אַמעריקאַנער געבוירענעם יידישן דור צו קענען די יידישע שפּראַך. דער אויפגעברויזטער נאַציאָנאַלער געפיל פון דעם נאָך־היטלער פּעריאָד, האָט ביי דעם יונגן דור דערוועקט אַ טיפן אינטערעס צו אַלץ, וואָס איז יידיש. עס איז אפשר נאַטירלעך, אַז זייער אינטערעס זאָל אין זייער דראַנג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג זיין מער געווענדט צו לשון קודש, צו דער העברעאישער שפּראַך. איז עס אָבער אויך אַ פאַקט, אַז די גרעסטע מערהייט פון זיי וועט שוין קיין העברעאיש ניט קענען. עס דאַרף זיין די פליכט פון אַ גוט־אָרגאַניזירטער יידיש־קעמפערישער אָרגאַניזאַציע אויסצונוצן אָט דעם אויפגעוואַכטן אינטערעס ביי דער יידישער יוגנט און שאַפן אַ מאַסן־באַוועגונג צו פאַרפולקאָמען זיך אין דער

יידישע שפּראַך. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז אַ גרויסע צאָל יידישע קינדער אין אַמעריקע פאַרשטייען די יידישע שפּראַך, כאָטש רעדן קענען זיי ניט. אָט דער עלעמענט, וואָס די שפּראַך ווערט פאַר־שטאַנען, דאַרף עקספּלואַטירט ווערן.

אָבער איידער אַזאַ קאַמפּאַניע ווערט אָנגעהויבן, דאַרפן מיר אַליין זיך שטעלן די פראַגע: ווי אַזוי וועלן מיר קענען פאַרקויפן דער יוגנט אונדזוערער די אידייע, אַז זי זאָל זיך לערנען יידיש? יידיש — צוליב וואָס? ! — פרעגן מיר ווידער די פראַגע. יידיש, „סתם אַזוי," אָדער יידיש, ווייל די שפּראַך איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסן אידעאַל? ! און דאָ קומען מיר צו דעם סאַמע אָנגעווייטיקסטן פּונקט פון אונדזער יידיש־קאַמף. יידיש מוז אויפסניי גע־פינען אַ תיקון. יידיש מוז זיך אָנטאָן אַ ניי חופּה קלייד, כדי זיך מתחתן זיין מיט דער יידיש־אַמעריקאַנער יוגנט. יידיש מוז פאַר־בונדן ווערן מיט ארץ ישראל, יידיש מוז פאַרקנופּט ווערן מיט ישראל. ביידע דאַרפן זיך דערנענטערן.

און פּאַסירט האָט עס איצטער, אַז די ציוניסטישע פירערשאַפט איז אַרויסגעקומען מיט אַ רוף צו פאַרשטאַרקן די יידישע קולטור אין אַמעריקע. ביי דער היסטאָרישער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין פּיטסבורג, האָט דער פירער פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, דר. עמנואל ניומאַן זיך גע־ווענדט צו די יידן דאָ אין לאַנד, אַז עס זאָל גלייך אָנגעהויבן ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג צו פאַרשפּרייטן יידיש וויסן צווישן די יידישע מאַסן און באַזונדערס צווישן דער יוגנט. דער הויפּט טעזיס פון דר. ניומאַנס אַרגומענטן איז דאָס, וואָס ארץ ישראל און דאָס פאָלק ישראל אין יידישן לאַנד מוז האָבן ניט בלויז די מאַטעריעלע, נאָר אויך די גייסטיקע שטיצע פון די יידן אין אַנדערע לענדער. און אַז כדי צו האָבן אַ שטאַרק לאַנד ישראל מוז מען האָבן אַ שטאַרק פאָלק ישראל, וואו דאָס פאָלק זאָל זיך נאָר ניט געפינען. די יידן פון ארץ ישראל און די יידן פון אויסער ארץ ישראל מוזן ווערן נאָך ענגער געקניפּט און געבונדן צווישן זיך.

אין ארץ ישראל זיינען אַפילו ניטאָ קיין צען פּראָצענט פון די יידן, וואָס זיינען נאָך היינט־צו־טאָג צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט. און לויט די לעצטע באַריכטן פון

ישראל גופא, מאַכט די יידישע רעגירונג איצט פּלענער ווי אַזוי אַריינצובריינגען בלויז 125 טויזנט יידן אַ יאָר אין דעם יידישן היימלאַנד. הלוואַי וואָלט מען געקענט אַריינגעמען מיליאָנען יידן יעדן יאָר. הלוואַי. הלוואַי וואָלטן מיר אַלע געקענט אַריין אַהין, אַפילו מיר פון דאַנען, פון אַמעריקע (די וואָס ווילן עס, ׳פאַרשטייט זיך). אָבער ווי עס זעט אויס און ווי עס האַלט היינט-צו-טאָג, וועט עס נאָך נעמען עטלעכע יאָר ביז אין ארץ ישראל וועלן זיך געפינען יידן אין די מיליאָנען. מיר האָבן דעם פולסטן גלויבן, אַז אין יידישן לאַנד און אַרום דעם יידישן לאַנד וועט זיך מיט דער צייט געפינען טעריטאָריע פאַר מיליאָנען יידישע מענטשן-קינדער. דעם בעסטן ביישפּיל קענען מיר האָבן פון אונדזער אַמעריקע, וואָס האָט אָנגעהויבן פון בלויז אַ פּאָר געציילטע שטאַטן און איז איצט אַ לאַנד פון 48 שטאַטן און אַ גאַנצע ריי טעריטאָריעס, וואָס וואַרטן מיט אַנגסט אָנגעשלאָסן צו ווערן אין דער אַמעריקאַנער פאַראייניקונג. אָט איז ארץ ישראל, ווי דאָס לאַנד איז אונדז מיט דרייסיק יאָר צוריק צוגעזאָגט געוואָרן דורך דער ענגלישער אימ-פּעריע און דורך פופציק פאַראייניקטע פעלקער פון נאָך דער ערש-טער וועלט-מלחמה, געווען פיל, פיל גרעסער. געווען גרויס, ביז דער ענגלישער קאָלאָניאַל אָפיס האָט הוצפּהדיק אָפּגעריסן דעם גרעסטן טייל פון הייליקן לאַנד און עס פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם קעניגרייך פון עמיר אַבדולאַ.

מיר שרייבן דאָ דאָס, און כאָטש עס דוכט זיך, אַז אָט, אָט און מיר גייען אַוועק פון אונדזער ענין, ווילן מיר דאָ גלייך באַ-מערקן, אַז מיר טוען עס בכיוון. מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן, אַז עס איז מעגלעך צו האָבן די טיפסטע און אַפילו „עקסטרעם פאַנטאַסטישע״ אידייען אין שייכות מיט דער צוקונפט פון דעם יידישן היימלאַנד, און אין דער זעלביקער צייט אויך וועלן פירן אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון יידיש און פון דער יידישער קולטור אין פאַרבינדונג מיט דעם יידישן היימלאַנד. יאָ, עס איז מעגלעך. ווייל אויב עס איז איצט דאָ אַזאַ זאַך ווי אַן יידיש לאַנד, איז עס אין אַ גרויסער מאָס אַ סך צו פאַרדאַנקען אָט דעם קאַמף, דעם גייסטיקן קאַמף, וואָס איז אין משך פון יאָר-הונדערטער געפירט געוואָרן פאַר דעם אויפהאַלט פון דעם יידישן

שטאָלץ, פאַר דער יידישער זעלבסטווירדע. און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער אויף יידיש, אויף דעם יידישן מאַמע־לשון.

אויף יידיש איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך ברייט צעוואַקסן אויך אָט די זעלביקע באַוועגונג, וועלכע האָט געבראַכט צו דעם ציוניסטישן געדאַנק, כאָטש די פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע פון אַ יידיש לאַנד באַלאַנגט שוין גאָרניט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג זעלבסט. ווייל זינט דעם היטלער חורבן, זינט אונדזער פאָלק האָט פאַרלוירן די זעקס מיליאָן, איז עס פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד, וואָס האָט געפירט צו אונדזער נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. ניט אַלע יידישע שרייבער און ניט אַלע יידישע פירער האָבן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד פאַרשטאַנען און ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. אָבער די יידישע געשיכטע וועט אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו דעם דאָזיקן שטורמישן פּראָצעס פון ווידערגעבורט ווי געהעריק אָפּשאַצן און פאַרשטיין.

יידיש, ווי געזאָגט, מוז געפינען אַ נייעם אָנהאַלט, און איצט איז געקומען די צייט דערפאַר. די ווענדונג פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט מוז ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן פון די פירער פון יידישיזם, פון די פירער פון דער יידישער קולטור אויף דער יידישער שפּראַך. ביז איצט האָט עס אויסגעזען, אַזוי ווי אונדזערע שרייבער אויף יידיש, מיר מיינען אָט די, וואָס שרייבן יידיש און קעמפן פאַר יידיש, אָט די, וואָס אינטערעסירן זיך און זיינען אַקטיוו אַרום דעם וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור — עס האָט אויסגעזען ווי זיי שטייען אינדרויסן אַזוי ווי די פרעמדע, אַזוי ווי גרים, און שרייען אַריין אינווייניק, אין דעם „ציוניסטישן" לאַגער אַריין, אין דער צייט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאָלק ישראל און וועגן ארץ ישראל. עס איז אַ סקאַנדאַליעזער צושטאַנד. מיר שרייבן דאָס וואָרט „ציוניסטישער לאַגער" אין גענצן־פּיסלעך, ווייל עס איז שוין נישטאָ און עס טאָר און עס וועט מער ניט זיין קיין באַזונדערער ציוניסטישער לאַגער. עס איז איין לאַגער, עס איז איין פאָלק, ווען עס קומט צו ארץ ישראל. אָט אַזוי דאַרפן מיר אַלע פילן, אָט אַזוי דאַרפן מיר זען, אַז עס זאָל זיין.

די מאַסן יידן, וואָס קומען און וועלן קומען אין ארץ ישראל, זיי זיינען יידיש-רעדנדיקע און יידיש-לייענענדיקע יידן. ווען ארץ ישראל איז געווען צוזאַמען מיט די פאַרשידענע פּראַקציעס און גרופּירונגען בלויז אַ באַוועגונג און אַ ווייטער אידעאַל, און ניט קיין פאַקט, האָט געקענט געפירט ווערן אַ כמעט אָפענער קאַמף קעגן יידיש. איצט איז אַן אַנדער צייט. און אויב דאָס איז נאָך אינגאַנצן ניט אַזוי אין שייכות צו יידיש אין ארץ ישראל, דאַן וועט עס מוזן ווערן אַזוי. די העברעאישע שפּראַך איז שוין פאַרזיכערט צו זיין די אָפיציעלע שפּראַך פון יידישן היימלאַנד. מיר זיינען אַלע גליקלעך מיט דעם דאָזיקן פאַקט. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט און גאָרניט געטאָרט זיין. לשון קודש איז אונדזער הייליקע שפּראַך, די שפּראַך פון תנ״ך, אָבער יידיש איז די שפּראַך פון אונדזערע ליידן. אין פייער און אין פלאַם פון די יאָרהונדערטער פאַרפאָלגונגען אין גלות, איז יידיש געהייליקט געוואָרן. דערפאַר טאָרן אונדזערע פירער פון דעם יידישיסטישן קאַמף אין אַמעריקע, ווי אויך אין די אַנדערע לענדער, אין די לענדער פון לאַטיין אַמעריקע, פון אייראָפּע, פון אַפריקע און פון אויסטראַליע, און וואו נאָר אַן יידיש-רעדנדיקער ייד געפינט זיך, אויפנעמען אָט דעם, עס ווילט זיך ממש זאָגן, הייליקן קאַמף, פון געפינען אַ שוץ און זיכערע צוקונפט פאַר דעם יידישן לשון אונדזערן.

עס ווילט זיך אונדז דאָ ממש פאַרגעסן אויף אַ מאָמענט און אַ קלאַפּ טאָן אין טיש „יידיש זאָל זיין! יידיש!״ — פּאַראַפראַזירנדיק י. ל. פּרץ'ס זאָג: „שבת זאָל זיין!״ אויף יידיש רעדן נאָך און זיכער דענקען נאָך די יידישע מאַסן. אויף יידיש רעדן נאָך די מערסטע פון די, וואָס קומען און וועלן קומען קיין ארץ ישראל. די קעמפער פאַר יידיש מוזן פאַרגעסן אָט דאָס, וואָס איז ביז ערשט ניט לאַנג געווען.

„וואָס געווען איז געווען און ניטאָ מער!״ — אָט דאָס איז די מאָטאָ אונטער וועלכן דער נייער קאַמף מוז אָנגעפירט ווערן. ווי מיר האָבן ביים אָנהויב פון אונדזער אַנאַליז שוין אָנגעוויזן, פאַסירן זאַכן אין יידישן און אויך אין אַלגעמיינעם לעבן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דאָס וואָס איז ערשט געווען דער צענטראַלער פּונקט איז היינט שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגנהייט. און אַזוי האָט אויך

פּאַסירט, אַז דער קאַמף פון יידיש און העברעאיש, יידישיסטן און העברעאיסטן, זעט איצט אינגאַנצן אויס אָפּגעלעבט און אומגלויב־לעך. עס מוז און עס וועט זיין יידיש און העברעאיש. דאָס לעבן זעלבסט פאָדערט עס. די יידיש־קעמפער, די יידיש־שרייבער, ווילט זיך זאָגן, דאַרפן אַריין אין ציוניזם! ניין, אַנטשולדיקט! ניט ריכ־טיק איז שוין אויך דאָס וואָרט ציוניזם. די יידיש־קעמפער, ווילט זיך זאָגן, דאַרפן ווידער אַריין אין יידישן פאָלק! און דאָס יידישע פאָלק און דאָס וואָס מיר פלעגן ביז ערשט ניט לאַנג רופן ציוניזם איז איינס און דאָסזעלביקע.

און אָט אויף דעם פּלאַץ ווילט זיך אונדז ווענדן צו די אָנפירנ־דיקע קעמפער פאַר יידיש, פאַר דער יידישער קולטור. אָנפאַנגנדיק פון אברהם רייזען, דוד פּינסקי, ש. ניגער, ווילט זיך רופן צו דר. מוקדוני, צו ה. לייוויק, צו י. אָפּאַטאָשו, צו אהרן גלאַנץ (לעיעלעס), צו יעקב גלאַטשטיין, צו מ. באַריישאַ.

פון אונדזערע טוער און פירער ווילט זיך ווענדן צו אַזאַ מענטשן ווי חיים גרינבערג, רעדאַקטאָר פון „יידישן קעמפער,” און צו לואיס סיגאַל, סעקרעטאַר פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, צו נ. כאַנין, קולטור דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג, און צו ברוך צוקערמאַן, וועטעראַן פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג, צו יוסף שלאָסבערג, א. העמלין, לואיס לאַמעד, פּנחס גינגאָלד, מאיר בראַון, און צו אַ גאַנצער ריי פון די יונגערע, אַז אויך זיי זאָלן אויפנעמען דעם קאַמף.

עס ווילט זיך לייענען יידישע שורות, אויף יידיש געשריבענע, מיט פייער און מיט פלאַם! עס איז איצט אַ צייט, ווען עס ברענט און ווען וועלטן גייען אונטער און נייע וועלטן ווערן ווי איבער־נאַכט געבוירן. און עס פאָדערט די צייט פון אירע יידישע זין, וועלכע זיינען די זינגער און די זאָגער פון דעם פאָלק, אַז זיי זאָלן זאָגן דאָס פּאַסנדיקע וואָרט. עס ווילט זיך מער שרייבער, וואָס זאָלן ממש שרייען. שרייבן מיט כעס, מיט אויפרעגונג. ניט מעסטן די שורות און ניט קוקן אויף די שטערן און ניט טראַכטן וועגן די פאַרשידענע טעאָריעס און אָפילו מאַכן אַ פאַרזוך זיך צו „חכמהנען” אויף דעם חשבון פון יידישן קאַמף.

עס איז איצט אַ צייט פון גרויסע מעשים. עס איז אַ צייט פון

לעבן אָדער שטאַרבן. אַ צייט, ווען דער גורל פון פעלקער און לענדער ווערט ענטשיידן. דערפאַר טאָרן זיך אונדזערע יידיש־קעמפער, ספּעציעל די, וועמען עס איז באַשערט צו זיין אין די פירנדיקע רייען, ניט שפּילן מיט קלייניקייטן, זיך פאַרנעמען מיט אויסטיילן כיבודים, קליינינקע כיבודים, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, אַז איר זענט ערגיץ אויף אַ יאַריד, וואו מ'האַנדלט און מען וואַנדלט און מען פאַרגעסט אין דעם וויכטיקסטן. מען פירט קליינינקע חשבונות און דערווייל פאַרגעסט מען, אַז עס ברענט אַ פייער. איר קריגט דעם איינדרוק, אַז די, וואָס וואָלטן געקענט עפּעס זאָגן, זאָגן ניט, ווייל זיי זיינען „ביזי,” זיי זיינען פאַרנומען מיט אינזיינען האָבן די אייגענע „אומשטערבלעכקייט”...

יידיש איז ניט בלויז שפּראַך, נאָר ס'איז אַ וועלט אַ גאַנצע, וואָס האַלט אין אונטערגיין, דערפאַר ווילט זיך שרייען און וועלטן איינלעגן. עס ווילט זיך אויך ווענדן צו די ציוניסטישע שרייבער אונדזערע, צו די, ביי וועלכע ארץ ישראל איז אַלעמאָל געווען ארץ ישראל און ניט „פּאַלעסטינע,” אַז זיי זאָלן אַריינגעמען יידיש אַלס טייל פון זייער קאַמפּס־פּראָגראַם. עס ווילט זיך זאָגן, אַלס טייל פון זייער „פּיטסבורג פּראָגראַם,” אַלס טייל פון דער פּראָגראַם, וואָס דר. ניומאַן האָט אָנגעצייכנט.

עס ווילט זיך ווענדן צו דר. ש. מאַרגאָשעס, מרדכי דאַנציס, ס. דינגאָל, חיים ליבערמאַן, א. אַלמי, דר. הלל זיידמאַן, ד. ל. מעקלער, ב. סמאָליאַר, אהרן ציטלין, י. וואַרשאַווסקי, דר. ש. ביקל, דוד איידעלסבערג, אפרים אויערבאַך, משה ריבלין, דר. ה. ל. גאָרדאָן, מ. יאַפּע, מ. י. נירענבערגער, דער לעבעדיקער, מאיר גראָסמאַן, קרעטשמאַר איזראַעלי, א. אַלפּערין, יצחק ליבמאַן, ר. וויטאַל, משה שטאַרקמאַן, שלמה גראָדזענסקי, ל. שפּיזמאַן.

עס ווילט זיך אויך ווענדן צו אַזעלכע שרייבער, וואָס שרייבן וועגן יידישע קולטור־ענינים פון צייט צו צייט, ווי ב. צביון, ב. צ. גאָלדבערג, א. מענעס, הלל ראָגאָף, דר. י. שאַצקי, מלך ראַוויטש, דר. מאַקס ווײַנרייך, ל. פאָגעלמאַן, מ. אָשעראָוויטש, י. י. סיגאַל, ה. לאַנג, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, דוד איינהאָרן, יעקב פּאַט, ל. פיינבערג, נ. ב. מינקאָוו, ראובן אייזלאַנד, א. טאַבאַטשניק, ב. רעסלער, ה. נאָוואַק, דר. ה. פראַנק, אליעזר גרינבערג, ש. טענענבוים, אליהו

שולמאַן, ח. פּופּקאָ, מנשה אונגאַר, י. א. ווייסמאַן, דר. מ. סודאַרסקי, מאיר שטיקער, לעאָן קרישטאָל, ש. ד. זינגער, ירמיהו העשעלעס, וואָלף יונין, ח. יאַפּע, משה דוכאָווני, ש. ל. שניידערמאַן, מנחם גלען, ה. אַיאַלטי, נ. ב. לינדער, דניאל טשאַרני, לייבוש לערער, דוד איגנאַטאָוו, א. ניסענזאָן, א. כץ, דר. מרדכי כץ, דר. צבי כהן, דר. נ. סווערדלין, א. ס. ליריק, משה וויטויעס, יצחק זאַר, ז. עפּרויקין, דר. ע. נאַקס, יודל מאַרק, י. ל. טעלער, י. באַבינסקי, א. קאַרלין, דר. א. א. ראָבאַק.

מיר רופן דאָ אָן נעמען, אָבער מיר ווילן אונטערשטרייכן — מיר גיבן דאָ ניט קיין עליות, מיר רופן אָן נעמען, כדי אַרויסרופן צו אַקציע, צו מעשים, דירעקט. דערפאַר רופן מיר אויך די יונגערע שרייבער זיך אָנשליסן אין קאַמף. אַז זיי זאָלן אַקטיוו זיך אַריינ־וואַרפן אין קאַמף צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פון ייִדיש אין דער באַוועגונג אַרום ארץ ישראל. אויב מיר האָבן אין אימפּעט פון שרייבן פאַרפעלט נעמען, וואָס מיר האָבן ניט באַדאַרפט פאַר־פעלן, — אַנטשולדיקט.

עס איז אַ גוט באַקאַנטער פאַקט, אַז אָן דער ייִדישער פּרעסע וואָלט דער אויפטו פון דער ציוניסטישער־באַוועגונג גאַרניט געווען אַזוי גרויס, ווי ביז איצט. עס איז געווען די ייִדישע פּרעסע, וואָס האָט עס געהאָלפן אָנצינדן די באַגייסטערונג פון די מיליאָנען ייִדן אין אַמעריקע און זיי רופן צו די פאַרשידענע אַקציעס פון מאָמענט. אויף דעם רוף פון דער ייִדישער פּרעסע זיינען עס אָנגעפולט גע־וואָרן די מעדיסאָן סקווער גאַרדנס, די סטאַדיומס און די פּאַרקן, און פינפטע עוועניו און מעדיסאָן סקווער פּאַרק. אויף דעם רוף פון דער ייִדישער פּרעסע זיינען עס געשאַפן געוואָרן מיליאָנען דאָ־לאַרן פאַר די פאַרשידענע קאַמפּאַניעס לטובת דעם ייִדישן היימ־לאַנד. ייִדיש האָט אַ גרויסן יחוס און עס טוט ווי דאָס האַרץ, ווען מען דאַרף גאָר מאַכן אַ מין צעטל, אַ חשבון פון די פאַרדינסטן פון דער ייִדישער שפּראַך אין שייכות מיט דעם ציוניזם. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז איצט איז די צייט גאָר אַן אַנדערע. די חשבונות פון שפּראַך, פון פאַנאַטישן קאַמף פון ייִדישיסטן און העברעאיסטן, איז אָפּגעווישט געוואָרן. ניט מיר האָבן דאָס געטאָן, נאָר היטלער האָט עס געטאָן. מיר האָבן וויכטיקערע ענינים פאַר וועלכע מיר מוזן זאָרגן. די פּאָזיציע פון העברעאיש איז אייביק.

ייִדיש אָבער איז אין געפאַר. און איבערגעגעבענע פריינט פון דעם ייִדישן היימלאַנד ווען אָט דעם פאַקט זיך זיכער נעמען צום האַרצן. ווייל כאָטש דאָס ייִדישע היימלאַנד איז שוין אַ פאַקט, פאָדערט זיך נאָך אַ סך, אַ סך אָנשטרענגונג, צו שטאַרקן און פאַרזיכערן דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער רעפובליק. ייִדיש, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז אַ וויכטיקער אינסטרומענט אין אָט דעם דאָזיקן קאַמף. דאָס ווייסן זייער, זייער גוט די גרויסע ציון פירער, אָנפאַנגנדיק פון דר. חיים וויַיצמאַן, דער ערשטער פרע־זידענט פון דער ייִדישער מלוכה, און אַריינרעכענענדיק אויך די הויפּט־פירער פון דער ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע, דר. אבא הלל סילווער און דר. עמנואל ניומאַן.

און אַז עס ווערט שוין געביטן די באַציאונג צו דער ייִדישער שפּראַך אין מדינת ישראל, און אַז די שטעלונג ווערט שוין אַפילו אָפיציעל פאַרבעסערט, קענען אַלס באַווייז דינען אַ פּאָר נייעס באַריכטן, וואָס זיינען ערשט דערשינען אין דער ייִדישער פּרעסע. דאָנערשטיק, דעם 12־טן אויגוסט, לייענען מיר אין „מאָרגען זשור־נאַל,״ אַז די העכסטע מיליטערישע פירערשאַפט פון ישראל האָט באַזייטיקט אַן אָפיציר פון זיין אַמט אין מאָביליזיר־אָפּיס, ווייל דער דאָזיקער אָפיציר האָט זיך אַנטזאָגט צו אַנערקענען ייִדיש אַלס אַ שפּראַך, ווען אַ סאָלדאַט האָט אויספילנדיק אַן אַנקעטע אָנ־געגעבן אַלס איינע פון די שפּראַכן, וואָס ער קען, אויך ייִדיש.

„ייִדיש איז ניט קיין שפּראַך״ — האָט דער אָפיציר דערקלערט, און פאַר אָט דער דערקלערונג איז ער אַרונטערגעזעצט געוואָרן.

דעם זעלביקן טאָג לייענען מיר אַ באַריכט פון תל אָביב, אַז „שוין צוויי וואָכן ווי די ישראל רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו געבן אַ טעגלעכע ראַדיאָ פּראָגראַם אין ייִדיש. די פּראָגראַמען, וואָס ווערן געבראָדקעסט האַלב נאָך עלף פרי, האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי די נייע אימיגראַנטן און אויך אין אויסלאַנד. די ייִדן פון ציפּערן, פון רומעניע און אַנדערע נאָענטע ערטער שרייבן, אַז זיי הערן די ייִדישע פּראָגראַמען און פאַרלאַנגען מען זאָל געבן אָפטערע פּראָ־גראַמען. די ישראל ראַדיאָ סטאַנציע זוכט איצט צו שאַפן אַ שטאַר־קערן טראַנסמיטער, כדי די דאָזיקע פּראָגראַמען זאָלן געהערט ווערן אין נאָך מער לענדער.״

אַט דאָס איז דער צווייטער באַריכט. נאָך אַן אַנדער פריילעכע ידיעה ווערט איבערגעגעבן פון מאיר גראָסמאַן אין „טאָג." גראָס־מאַן באַריכטעט, אַז עס דערשיינען איצט אין ייִדיש שוין אַ צאָל אויסגאַבן אין ישראל. איינע פון אַט די אויסגאַבן וועט זיין אַ גרויסער ליטעראַרישער זשורנאַל אין ייִדיש, אונטער דער רעדאַקציע פון באַרימטן ייִדישן דיכטער א. סוצקעווער. דער זשורנאַל וועט פינאַנסירט ווערן פון דער הסתדרות.

ווען מען נעמט דאָס אַלץ אין אַנבאַטראַכט, און מען דערוויסט זיך אויך, אַז אין העברעאישן אוניווערזיטעט וועט איינגעפירט ווערן אַ קאַטעדרע אויף ייִדיש, און אַז מען פּלאַנט אין אַ ריי העברעע שולן אין ישראל אויך איינפירן ייִדיש אַלס לימוד, ווערט דער פּערספּעקטיוו אַביסל ליכטיקער און מען זעט איין, אַז עס שאַפט זיך אַ פיל גינסטיקערער באָדן פאַר דער ייִדישער שפּראַך אויך אין ייִדישן היימלאַנד.

די ייִדישע שרייבער דאַרפן זיך אָבער דערנעענטערן צו דער ציון־באַוועגונג. עס איז ממש צו באַוואונדערן, ווי ליידיק אַ ציונים־טישער צוזאַמענקונפט איז פון ייִדישע שרייבער, ספּעציעל פון אַזעלכע, וואָס זיינען באַקענט אַלס קעמפער פאַר ייִדיש און פאַר דער ייִדישער קולטור. דאָס אַלץ איז אפשר געווען „נאַטירלעך" ביז איצט, אָבער מער טאָר עס אַזוי ניט אָנגיין! דער ייִדיש־קעמפער דאַרף זיך דערנעענטערן און דאַרף ווערן איינס מיט דעם קאַמף פון ישראל. אויב דער מצב פון דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע איז אַזאַ טרויעריקער היינט־צו־טאָג, מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז דאָס איז ניט בלויז די שולד פון די אומשטענדן, נאָר אַז אַ גרויסע טייל פון אַט דער שולד ליגט אויף די פּלייצעס פון אונ־דזערע ייִדיש־קעמפער קליינע מיטלען און קליינע השגות. מען האָט ניט געוועקט די מאַסן, מ'האָט ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט. אַלץ וואָס מ'האָט געטאָן איז געווען קליין אין פאַרנעם און אָרים אין צוגאַנג. גאָרניט איז געטאָן געוואָרן, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן פון לאַנד.

אָבער איצט איז דאָ אַ נייע געלעגנהייט. אפשר שוין די לעצטע געלעגנהייט. ווען דר. עמנואל ניומאַן האָט גערעדט וועגן ייִדי־שער קולטור, האָט ער גראָד אפשר ניט געמיינט ייִדישע קול־

טור אויף יידיש. ער האָט געמיינט „נאַטירלעך" קולטור אויף העב־רעאיש און אויך אויף ענגליש. און אפשר אויך אויף יידיש. מיר זאָגן „אפשר," ווייל עס איז נאַטירלעך, און מ'דאַרף זאָגן ליידער, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דערלאָזט און די יידיש־קעמפער האָבן געדולדעט אַזאַ צושטאַנד, וואו יידיש איז גאַר ווייניק גע־נומען געוואָרן אין אַכט אין די ציוניסטישע רייען. מ'האָט גע־דאַרפט אָנפירן אַ קאַמף אויך ביז איצטער. אָבער וואָס געווען איז געווען און „ס'איז בעסער שפּעטער, ווי קיינמאָל." דאַרפן אָבער די יידיש־קעמפער איצט ווי געהעריק אויסנוצן די געלעגנהייט און אויף אַ ברייטן פאַרנעם אַריינברענגען דעם יידיש־עלעמענט אין דער באַוועגונג אַרום ישראל. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אָפּע־רירט מיט מיליאָנען דאָלאַרן און אויב נויטיק דאַרף דער קאַמף פאַר יידיש קענען דערגרייכן די אַלגעמיינע קאַסע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר דעם וואוילזיין פון דעם יידישן פאָלק סיי דאָ אין אַמעריקע, סיי אין ישראל.

קאַפּיטל 4.

די צוויי כוחות, וואָס וועלן באַווירקן דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע און וועלן העלפן דעם אַמעריקאַנער געבוירענעם יידן צו בלייבן יידיש. — די ענגלישע שפּראַך קאָן באַנוצט ווערן אין קאַמף פאַר יידיש. — די היגע יוגנט, וואָס לעבט און וויל לעבן אַ נאָרמאַל לעבן און ווערט ווייניק פאַרשטאַנען פון די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־שרייבנדיקע טוער. — אַ גליקלעכער פּעריאָד אין דער יידישער געשיכטע.

איך ווייס, אַז די מיינונג, וואָס איך וועל דאָ אַרויסזאָגן, וועט אַרויסרופן קעגנערשאַפט ביי אַ צאָל יידיש־קעמפער, וועלכע טראַכטן נאָך אַלץ אין טערמינען „פון פאַרצייטן.‟ נאָר צי איר שטימט יאָ איין, צי איר שטימט ניט איין, אַלע סימנים ווייזן אָן דערויף, אַז צוויי כוחות וועלן פאַרבלייבן אין דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, וואָס וועלן האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג. די דאָזיקע צוויי כוחות זיינען רעליגיע און ציוניזם, ארץ ישראל. און איידער מיר גייען ווייטער, ווילן מיר דאָ זאָגן, אַז אויך די באַגריפן פון רעליגיע און ציוניזם האָבן שוין אָנגענומען און נעמען נאָך אַלץ אָן ביי אונדז אין אַמעריקע אַ גאַנץ אַנדער פאָרם, ווי ביז ערשט ניט לאַנג. רעליגיע אין אַמעריקע מיינט פאַר דעם אַמעריקאַנער געבוירענעם יידן ניט דאָס, וואָס דער זעלביקער באַגריף האָט געמיינט פאַר דעם אייראָפּייער יידן און אַפילו ווייט ניט דאָס, וואָס עס מיינט פאַר דעם אַריבערגעקומענעם, שוין אַפילו אַמעריקאַניזירטן יידישן אימיגראַנט.

אין אַ ריי געשפּרעכן, וואָס איז דעם שרייבער אויסגעקומען צו האָבן מיט דעם פּרעזידענט פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, פּראָפעסאָר לואיס פינקלשטיין, אין שייכות מיט דער צוקונפט פון יידישקייט אין אַמעריקע, האָבן מיר שעה׳ן און שעה׳ן לאַנג דיסקוטירט וועגן אָט די צוויי אויבנדערמאָנטע קרעפטן, וועלכע וועלן פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דעם יידישן לעבן דאָ אין לאַנד. אונ־

דזוערע שמועסן זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען פּראָפעסאָר פינקלשטיין איז אַרויסגעקומען מיט זיין אַלאַרמירנדיקן בריוו אין דעם העברעאישן וואָכנבלאַט „הדואר,״ אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, אַז די יידישע יוגנט אין אַמעריקע שטייט פאַר דער געפאַר צו פאַרלירן דעם לעצטן אָנהאַלט אין יידישקייט. זיין אַלאַרם האָט דער יידישער מנהיג אַרויסגעלאָזט אויף דעם סמך פון טויזנטער בריוו, וואָס דער סעמינאַר האָט דערהאַלטן אין שייכות מיט זיין וועכנטלעכער ראַדיאָ פּראָגראַם „נר תמיד,״ וואָס ווערט געהערט אויף דער נעשאָנאַל בראָדקעסטינג קאָמפּאַני. ווען פּראָפעסאָר פינקלשטיין האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די בריוו, איז ער איבערראַשט געוואָרן צו לייענען צושריפטן פון אַמעריקאַנער יידישע מיידלעך און יונגעלייט, אין וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ כמעט איינגעוואָרצלטע פרעמדקייט צו אַלץ, וואָס איז יידיש. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָבן פיל זיך מודה געווען, אַז זיי זיינען גרייט איינגאַנצן אָוועקצוגיין פון יידישקייט. אָבער די מערסטע פון די שרייבער זיינען דאַנקבאַר געווען דעם סעמינאַר פאַר פאַראינטערעסירן זיי דורך דעם „נר תמיד״ אין יידישע פּראָבלעמען און אין מאַכן זיי פילן שטאָלץ מיט דעם פאַקט, וואָס זיי זיינען יידן. דאָס איז דערפאַר, האָבן זיי געשריבן, וואָס צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי געהאַט די געלעגנהייט צו הערן אַן יידישע פּראָגראַם אויף איינער פון די גרעסטע ראַדיאָ-נעצן אין לאַנד און זיך דערוויסן זאַכן, וואָס זיי האָבן אַ לעבן-לאַנג ניט געוואוסט און דערצו נאָך אויפגעפירט אויף אַזאַ אופן, וואָס מוז יעדן יידן מאַכן פילן באמת גליקלעך. פיל יידישע יוגנטלעכע האָבן זיך אָנגעהויבן צוהערן צו די „נר תמיד״ פּראָגראַמען, ווייל זייערע קריסטלעכע פריינט, וועלכע זיינען אויך צוהערער פון אָט די אויפפירונגען, האָבן די פּראָגראַם רעקאָמענדירט זייערע יידישע פריינט.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן אויף דער דערשיינונג, אַז אַ נייע יידישקייט אַנטוויקלט זיך אין אַמעריקע. אַן יידישקייט, פון וועלכע אונדזערע זיידעס, אונדזערע עלטערן, וואָלטן זיך זיכער אויסגעלאַכט. אַן יידישקייט, וועלכע פיל פון אונדז אַפילו קענען ניט באַגרייפן. אין דער דאָזיקער יידישקייט שפּילט אַ גאָר באַדייטנדיקע ראָלע די ראַדיאָ, טעאַטער, ביכער און אַז. וו.

עס איז שוין געבוירן געוואָרן און עס וועט זיך ערשט ווייט אַנטוויקלען די יידישקייט פון די טעמפּלען, פון די סינאַגאָגן, פון די „יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָנס" און פון די בני ברית און פון די ציוניסטישע גרופּן, און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די מערסטע שרייבער אויף יידיש און קעמפער פאַר יידיש לעבן אַלץ מיט דער וועלט פון אַלטן לעבנס-שטייגער און מאַכן דאָס נייע אַוועק מיט דער האַנט. עס, זאָגן זיי. אויך מיר אַן יידישקייט. און אַזוי ווי דער שטרוים-פויגל, אַזוי גראָבן זיי איין דעם קאָפּ אין זאַמד און מאַכן זיך ניט זעענדיק. די זעלביקע זאַמד קריכט זיי אָבער אַריין אין די אויגן און אַפילו ווען זיי וואָלטן שוין וועלן זען, וואָלטן זיי שוין ניט געקענט. און אָט-אָ-די שטרוים-פויגל בלינדקייט מאַכט די דאָזיקע „העלדן" צו שרייען אין דער הויך און אויך אין דער שטיל, אַז ניט זיי אַליין, נאָר דער, וואָס זעט, איז גאָר דער בלינ־דער. זיי זעען ניט און זיי האָבן קיינמאָל ריכטיק ניט געזעען. ווייל כאָטש זיי וואוינען שוין אין אַמעריקע אָפּט אַריבער דריי און פיר צענדליק יאָר, פונדעסטוועגן זיינען זיי נאָך אַלץ אין באַגריף און געפיל מער אין דעם קליינעם שטעטל אָדער אַפילו אין דער גרויסער שטאָט, אָבער אַלץ פון יענער זייט. מעג איינער זיין ווי גרויס אַלס אַ דיכטער ביים פאָלק ישראל אויף יידיש, באַגייט ער אָבער אַ פאַרברעכן קעגן דעם יידישן לשון זעלבסט, קעגן דער יידישער קולטור, אויב ער שליסט זיך איין אין די ד׳ אמות, אין די פיר ענגע ווינקלען פון יידיש, און אַנערקענט ניט, אַז ער מוז, עס איז ממש זיין חוב, צו שליסן אַ מין בונד מיט דעם לשון פון דער מאַיאָריטעט. ער מוז דאָס טאָן, ווייל אויב ניט, וועט ער אַליין מיט זיין אייגענעם שאַפן, מיט זיינע אייגענע אויפטוען, אונטער־גיין. ער וועט זיין געגליכן צו אַ שפּענדל אויף דעם שטורמישן ים, אַ זאַך וואָס מיר זעען שוין לײדער אין אונדזערע אייגענע רייען. יידיש האָט באַדאַרפט האָבן אַ זשורנאַל אויף ענגליש און איבערזעצן מער אונדזערע דיכטער, אונדזערע שעפער. די יידישע קולטור-וועלט איז ביז איצט באַגאַנגען מער ווי טאַקטישן פעלער, יידיש איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, ווייל עס האָט זיך ביז איצט ניט באַנוצט מיט דער ענגלישער שפּראַך. און דערפאַר זיינען אונ־דזערע גרעסטע נעמען, אויסער אַ פאָר, אַזוי פרעמד צו די ענגליש־רעדנדיקע.

אַט גיט אַ קוק אין די אַנדערע לאַגערן פון יידישן לעבן. גיט אַ קוק ביי די רעליגיעזע יידן. זיי האָבן שוין פון צענדליקער יאָרן איבערגעזעצט די תפילות אויף דעם לשון פון לאַנד. ניט בלויז דער סידור, נאָר דער תנ"ך, דער תלמוד, איז איבערגעזעצט אויף דעם לשון פון לאַנד. און ניט בלויז די רעליגיעזע יידן, נאָר אויך די נאַציאָנאַליסטישע יידן, די יידן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיי האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז כדי צו האָבן אַ גרעסערן דערפאָלג אין זייער באַוועגונג צו פאַרשפרייטן די העברעאישע שפראַך צווישן דער הי־געבוירענער יידישער יוגנט, מוזן זיי דערפאַר זיך באַנוצן מיט דער שפראַך, וואָס די זעלביקע יוגנט קען אַמבעסטן, און דאָס איז זייער היגע מוטער־שפראַך, די שפראַך פון אַמעריקע. דערפאַר זיינען טאַקע פאַראַן אין די העברעאישע קרייזן אַ גאַנצע צאָל לערן ביכער פאַר העברעאיש מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג. אַזעלכע ביכער זיינען געווען נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. זייער צאָל האָט זיך אָבער פאַרגרעסערט פאַר די לעצטע פאַר יאָר, ווען דער דראַנג צו קענען לשון קודש האָט אָנגענומען אַ מאָסן כאַראַקטער און העברעאיש איז אַריין אין דער מאָדע. די ציוניסטישע קרייזן האָבן גלייך אויסגענוצט די געלעגנהייט און זייערע בעסטע פעדאַגאָגן האָבן גלייך צוזאַמענגעשטעלט טעקסטן, וואָס זיינען אי צייטיק, אי אינטערעסאַנט. ביי אונדז אָבער, אין די יידיש־רעדנדיקע קרייזן, איז עס נאָך אַ פרעמדער ענין, דאָס באַנוצן זיך מיט ענגליש פאַר דער פאַרשפרייטונג פון יידיש. עס קלינגט כמעט ווי אַפיקורסות אַרויסצוזאָגן אין דער עפנטלעכקייט אַזאַ געדאַנק. דאָס, וואָס איז שוין יאָרן לאַנג, אפשר צענדליקער יאָרן, אַן אָנגענומענער פאַקט אין אַנדערע יידישע קרייזן, איז ביי אונדז נאָך אַ רעוואָלוציאָנערער באַגריף.

איינער פון די הויפט חסרונות, איינער פון די הויפט־טעות'ן אונדזערע, איז דאָס וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין מינימום פּראָגראַם. אַלעמאָל אַ מאַקסימום. מיר האָבן אַלעמאָל דערוואַרט, אַז דאָס יידישע קינד אין אַמעריקע דאַרף קענען יידיש אַט אַזוי כאָטש ווי אַ יידיש קינד האָט געקענט יידיש אין דער אַלטער היים. פאַר די דריי צענדליק יאָר וואָס די יידישע שול עקזיסטירט אין אַמעריקע, האָבן מיר געזען, אַז „עס גייט ניט," און מיר האָבן

דערצו גאָרנישט ניט געטאָן. אַ דור איז שוין אויסגעוואָקסן און איז אינגאַנצן כמעט פאַרלוירן געגאַנגען און מיר הויבן ערשט איצט זיך אָן צו כאַפּן, אַז עפּעס איז דער מער מיט דער „סיסטעם" אונדזוערער. מיר האָבן אַלעמאָל געהאַט טענות צו דעם ייִדישן קינד אין אַמעריקע. מיר האָבן אַלעמאָל קריטיקירט אַמעריקע. אָנשטאָט צו אַנערקענען די אומשטענדן און אָפּשאַצן די פאַקטן, האָבן מיר געהאַלטן אין איין באַקלאָגן די קינדער, הלמאַי זיי „ווילן ניט," אַלמאַי זיי האָבן ניט קיין גרויס חשק צו לערנען ייִדיש, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אַוועקגעגעבן די נאָרמאַלע צאָל שעה'ן אין דער פּאָבליק סקול אָדער האַי־סקול.

די ייִדישע יוגנט אין אַמעריקע איז געווען די ערשטע ייִדישע יוגנט אין הונדערטער יאָרן ייִדישע געשיכטע צו געניסן אַ פול, פריי לעבן. אָט די ייִדישע יוגנט איז געווען די ערשטע אין אַ קייט פון אויסגעפּייניקטע און אויסגעדייווערטע ייִדישע דורות צו פאַרזוכן דעם טעם פון מאַכן ספּאָרטישע איבונגען, פון שפּילן בעיס־באָל, פון רייטן אַ בייסיקל, און אין אַלגעמיין פון האָבן אַלץ, וואָס עס איז באַשערט אַ קינד אין נאָרמאַלע אומשטענדן צו האָבן און וואָס ייִדישע קינדער האָבן מערסטנס ביז דער ייִדישער אײנ־וואַנדערונג קיין אַמעריקע, ניט געהאַט. אַמעריקע איז אַ לאַנד פון עסן אייז קריעם אין זומער און אין ווינטער, ווען נאָר עס פאַרגלוסט זיך און ס'איז טאַקע אמת, אַז „חלה עסט מען אין דער וואָכן"! אָט פּונקט ווי שלום עליכם האָט עס געזונגען אין זיין וויג ליד. דערפאַר איז עס קיינמאָל ניט געווען קיין גאָר לייכטער ענין אַרויפצוצווינגען אויף דעם ייִדישן קינד אין אַמעריקע נאָך עקסטראַ שעה'ן לערנען, און פּונקט אין יענע שעה'ן ווען עס איז דערלויבט די מערסטע קינדער אַרויס אויף דער גאַס אין פולער פרייהייט און שפּילן זיך. האָט מען באַדאַרפט אָנצייכענען אַ מינימום פּראָגראַם, ווען מען האָט געזען, אַז „עס גייט ניט" און געפינען די לייכטסטע און פּאָפּולערסטע מיטלען, ווי אַזוי דאָס קינד צו דערגרייכן.

מיר מוזן אויך געדענקען, אַז ווען מיר דיסקוטירן אַ ייִדישע קולטור פּראָגראַם, איז עס זיכער ניט אַזוי פאַר די, וועלכע באַנוצן זיך מיט דער ייִדישער שפּראַך און לעבן זיך אוים אין דער ייִדישער

קולטור דערפאַר, וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן פון יענער זייט ים, און יידיש איז געווען און וועט שוין פאַרבלייבן זייער מוטער־שפּראַך.

אָט פאַר די דאָזיקע עלעמענטן קענען מיר בלויז טראַכטן ווי אַזוי, אויב מעגלעך, צו פאַרבעסערן אונדזערע פאַרשפּרייטונגס־מיטלען און ווי צו ענטפערן אויף זייערע קולטור נויטן אין איינ־קלאַנג מיט דער צייט און מיט די אומשטענדן. ווען מיר רופן צוזאַמענפאָרן אָדער גאָר קאָנגרעסן, דאַרף די הויפּט־טעמע זיין די איצטיקע יוגנט און די יוגנט, וואָס האַלט אין אונטערוואַקסן. מיר מוזן זאָרגן פאַר אַ צוקונפט, פאַר אַ דור, וואָס זאָל איבערנעמען, וואָס זאָל ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדים... דאָס און נאָר דאָס איז אונדזער הויפּט פּראָבלעם.

אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, מוזן מיר אָנער־קענען, אַז אָט די יוגנט פון איצט און פון שפּעטער וועט ניט האָבן די יידישקייט פאַרבינדונגען ווי מיר האָבן עס געהאַט אין שייכות מיט דער אַלטער היים, מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט, אָדער אַפילו יוניאָן, פּאַרטיי, און אַזוי ווייטער. די יידישע יוגנט אין אַמעריקע, מוזן מיר אָנערקענען, איז צוערשט אַן אַמעריקאַנער יוגנט אין גייסט. מעגן מיר זיין ווי קריטיש איבער דער פירונג פון אַמע־ריקע, און מעגן מיר וויסן אירע גרויסע חסרונות, ווייסן מיר אָבער אויך די גרויסע מעלות פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און די גרויסע געווינסן, וואָס אַמעריקע האָט פאַר דעם יידישן פאָלק. עס איז צום ערשטן מאָל אין דער טויזנטיעריקער גע־שיכטע פון דעם יידישן פאָלק, אַז איבער פינף מיליאָן יידן אין איין לאַנד, און די מערסטע פון זיי קאָנצענטרירט אין אַ פאָר פון די גרעסטע שטעט, זאָלן לעבן אַ לעבן פון זאַטקייט און פון פריי־הייט, און פון גרויסע מעגלעכקייטן. די יידישע יוגנט, וואָס וואַקסט דאָ אויס, האָט גענוג, געוווג גוטע אורזאַכן פאַר וועלכע ליב צו האָבן דאָס דאָזיקע לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער דאַרף דער־פאַר ניט זיין בלינד און זיך ניט מאַכן ווייסנדיק וועגן די געפאַרן צו וואָס דאָס יידישע לעבן אַפילו דאָ איז אויסגעזעצט, אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פון אַ גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. צו געפאַרן און גאָר גרויסע געפאַרן זיינען איצט אויסגעזעצט די גרעסטע לענדער און די שטאַרקסטע פעלקער. יעדער אויף זיין שטייגער.

קאַפּיטל 5.

דער אינטערעס צווישן דער שטודירנדיקער יידישער יוגנט צו יידיש. — אַן עקספּערימענט פון יידישן יוגנט קלוב פון פילאַדעלפיע. — אין דער צייט פון דער טיפּס־טער אַנטוישונג אין „וועלט" אידעאַלן, קומט דער שטאַרקסטער מאָראַלישער געווינס פון זיך צוריק גע־פינען אַלס אַ פאָלק. — יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אַ לעבנסנויטווענדיקייט.

דער גאָר גרעסטער מערהייט פון דער נייער יידישער יוגנט פון אַמעריקע איז ניט נאָענט דאָס געזעלשאַפטלעכע אַרט לעבן פון זייערע עלטערן, מיט די פּאַרטייען, פון לאַנדסמאַנשאַפטן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט פריער. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, מיט דעם סאָציאַליזם פון ערנעסט בעווין און פון קלעמענט אַטלי און אַפילו פון לעאָן בלום, וועט זיי ניט צוציען. צופיל האָפנונג קאָן די יידישע געמיינדע אין אַמעריקע אויך ניט לעגן אויף דער יידישער יוגנט, וואָס שטייט נאָענט צו דער לינקער באַוועגונג.

עס איז שטענדיק געווען און עס איז פאַר די לעצטע פאָר יאָר אויפגעשטאַנען אַ נייע יידישע יוגנט. אַ יוגנט, וואָס פאַרשטייט אַן ענין און וואָס נעמט און וויל ווייטער נעמען אַ טיפערן אינ־טערעס אין יידישן לעבן. די דאָזיקע יוגנט איז אַ נאַציאָנאַלע יידישע יוגנט. עס איז אַ יוגנט, וואָס וועט בויען דאָס נייע יידישע לעבן אין אַמעריקע. ביי אָט דער יוגנט זיינען דאָ צוויי גרויסע צווייגן אין יידישן לעבן. די צוויי צווייגן זיינען אָט די, אויף וועלכע מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן. רעליגיע און ציוניזם. רעליגיע, ווי געזאָגט, ניט ווי אין דער אַלטער היים. דער טעמפּל, די סינאַגאָגע, איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער יידשער גע־

מיינדע. דער ראַבאַי איז ניט דאָס, וואָס דער רב איז געווען אַמאָל, ביז ערשט ניט לאַנג. ער איז דער וועגווייזער, ראַטגעבער און לערער און גוטער שכן און אויך חבר אין ספּאָרט און אַנדערע פאַרווייַלונגען. דער טעמפּל איז שוין אויך דער קולטור צענטער, וואו עס ווערן געגעבן ליטעראַרישע לעקציעס און פאָרטראַגן אויך אויף אַנדערע טעמעס. דער טעמפּל איז אויך אַ צענטער פאַר ספּאָרט, וואו דער פאָטער פון ערשטן אַמעריקאַנער געבוירענעם דור קומט זיך צונויף מיט זיין זון פון צווייטן אַמעריקאַנער געבוירענעם דור. און דאָס זעלביקע איז אויך מיט דער מוטער, וועלכע געפינט אַ פּלאַץ פאַר זיך און פאַר איר טאָכטער אין דעם זעלביקן טעמפּל. פאַראַן „פאָטער און זון" קלובן, פונקט ווי עס זיינען פאַראַן „מוטער און טאָכטער" קלובן. אָט אַזאַ סאָרט יידישקייט וואַקסט. אַ רעליגיעזע יוגנט פון דער צעירי אגודת ישראל, פון די ישיבות און תלמוד-תורה׳ס, און פון די רעליגיעזע סעמינאַרן.

די אַמעריקאַנער יידישע פּאַרטיי-יוגנט, אָט די, וואָס געהערט הונדערט פּראָצענט צו דעם יידישן פאָלק, איז די יוגנט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע ווערט געציילט אין די צענדליקער טויזנטער. עס איז די יוגנט פון דער ציונסיטישער אַרבעטער באַוועגונג; די יוגנט, וועלכע לערנט זיך ווי צו אַרבעטן אין ארץ ישראל, און אַלע אַנדערע ציוניסטישע פראַקציעס און גרופּירונגען, די יוגנט וועלכע אינטערעסירט זיך און לעבט אויסשליסלעך מיט יידישע און יידיש-אַמעריקאַנער פּראָבלעמען. עס איז אויך דאָ די יידישע יוגנט אין די קאָלעדזשעס און אין די אוניווערזיטעטן, וועלכע איז טיף פאַראינטערעסירט אין יידיש-נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. די קלובן פון דער הלל פאונדיישאָן זיינען אַ גוטער ביישפּיל פון דער דאָזיקער יוגנט.

מיר מוזן אָבער בשום אופן ניט פאַרגעסן די יידישע יוגנט, וואָס האָט שוין גראַדואירט פון די אַרבעטער רינג און פאַרבאַנד און פון די שלום עליכם און אַנדערע שולן. די דאָזיקע יוגנט איז דער רוקנביין פון דער איצטיקער און אויך פון דער צוקונפטיקער פּראָגראַם פאַר דער ברייטער אַנטוויקלונג פון אַ יידיש-טעטיקייט פאַר דער יוגנט. סיי די, וואָס האָבן שוין גראַדואירט און זיינען שוין

איצט אַליין עלטערן פון קינדער, סיי די, וואָס לערנען זיך נאָך איצט אין די שולן, זיי זיינען, נאַטירלעך, דער פונדאַמענט פון דער יידיש-טעטיקייט.

מען קען ניט זאָגן, אַז עס איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער פּראָצענט פון אמתע יידיש-קענער פון אַט די טויזנטער און טויזנטער יידישע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין די יידישע וועלטלעכע שולן. אין אַזאַ שטאָט ווי פילאַדעלפיע, מיט וועלכער דער שרייבער איז גאָר גוט באַקענט, זיינען פאַר די צענדליקער יאָרן עקזיסטענץ פון די יידישע שולן אַרויסגעקומען אפשר אַ צען יידישע קינדער, אויף וועלכע מ׳קען באמת זאָגן, אַז זיי קענען יידיש און אַז זיי זיינען באמת פאַראינטערעסירט צו לייענען אַ יידישע צייטונג. פון אַט דער גרופּע אין פילאַדעלפיע האָט זיך אַנטוויקלט איצט די יידישע יוגנט פעדעראַציע. די פירער פון דער דאָזיקער גרופּע זיינען שיקל פישמאַן, משה שיכמאַן, באַרקאַן און אַ צוויי, דריי אַנדערע יוגנטלעכע. פון אַן עלטערן דור גראַדואירטע פון די זעלביקע שולן זיינען באַוואוסט אַ פּאָר, וועלכע זיינען שוין אַליין מוטערס פון קינדער. די דאָזיקע פרויען זיינען באַקענט אַלס דעקלאַמאַטאָרינס און פאָרלעזערינס פון יידישער ליטעראַטור. די מערסטע פון דער גאָר קליינער צאָל, וואָס זיינען געבליבן ביי יידיש, זיינען קינדער פון יידישע קולטור-טוער, לערער און שרייבער. ווען מען רעכנט אויס די דאָזיקע צאָל תלמידים פּראָפּאָרציאָנעל צו די צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן, וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט דאָס אויפהאַלטן פון די שולן אין משך פון די אַלע יאָרן, וועט אויסקומען, אַז יעדער קינד אַזאַ, וואָס איז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יאָ געבליבן ביי יידיש, האָט אָפּגעקאָסט דער יידישער שול באַוועגונג אַמווינציקסטנס פון פינף ביז צען טויזנט דאָלאַר.

אָבער, ווי זאָגט דאָס אַמעריקאַנער ווערטל: „יעדער וואָלקן האָט זיך זיין זילבערנעם אונטערשלאַק,״ — און כאָטש קיין גרויס אָפּטימיזם קאָן מען אפשר פון אונדזער „פילאַדעלפיער סטאָרי״ ניט שעפּן, פונדעסטוועגן, קען מען דאָ גאַנץ גוט באַנוצן אַ צווייט ווערטל, שוין אַ היימיש-יידיש ווערטל, און דאָס איז, אַז: „מען קען לייענען דאָס בריוול, ווי מ׳וויל.״ אַז מ׳וויל קען מען אַנווייזן

דערויף, אַז פון אַט דער נייעסטער קליינער גרופּע פון פילאַדעלפיע האַלט זיך אין צעוואַקסן אַ גאַנצע באַוועגונג. אַט לייענען מיר אין דעם פּרעכטיק־אַרויסגעגעבענעם זשורנאַל „יוגנטרוף,״ וואָס איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער יידישער יוגנט פעדעראַציע, אַז דער פילאַדעלפיער י. ל. פרץ יוגנט־קלוב, וואָס איז איינער פון די הויפּט־קלובן פון דער פעדעראַציע, פירט איצט אָן מיט יידיש־קלאַסן אין דריי אוניווערזיטעטן. אין פּענסילווייניער סטייט קאַלעדזש האָט פייגל זעליטש אָנגעפירט מיט אַ קורס פון 32 סטודענטן. אין פּענ־סילווייניער אוניווערזיטעט האָט שיקל פישמאַן אָנגעפירט מיט אַ קורס פון 20 סטודענטן. און אין פילאַדעלפיער טעמפּל אוניווער־זיטעט האָט משה שיכמאַן אָנגעפירט אויך מיט אַ קורס פון 14 סטודענטן. דער „יוגנטרוף״ האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן די יידישע סטודענטן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין לערנען יידיש, און עס איז אויסגעפונען געוואָרן, אַז די מערסטע פון זיי האָבן קיינמאָל ניט געקענט קיין יידיש און זיי ווילן איצט קענען דאָס לשון פון דער מאַיאָריטעט פון יידישן פאָלק, ווייל עס האָט אין זיי אויפגעוואַכט אַן אינטערעס צו יידישקייט.

אַן ענלעכן באַריכט האָט דער שרייבער געקראָגן פון דר. מאַקס וויינרייך, וועלכער פירט אָן מיט די יידישע קורסן אין דעם ניו־יאָרקער שטאָט קאַלעדזש. די מערסטע סטודענטן האָבן זיך פאַר־אינטערעסירט אין יידיש צוליב די געשעענישן פון די לעצטע פאַר יאָר. אין אַ לענגערן געשפּרעך מיט דעם פירער פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, זיינען פאַר דעם שרייבער אַרויסגע־בראַכט געוואָרן אַ ריי וויכטיקע פונקטן אין שייכות מיט יידיש אין די הויכשולן אין אַמעריקע. עס איז, למשל, ווייניק באַוואוסט דער פאַקט, אַז אַ גאַנצע ריי אוניווערזיטעטן און קאַלעדזשעס אין אַ ריי שטעט אין אַמעריקע זיינען פאַראינטערעסירט איינצופירן יידיש־קורסן אין זייערע פּראָגראַמען. עס קלינגט ממש אומגלויבלעך, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ווען צען אוניווערזיטעטן זאָלן וועלן היינט איינפירן יידיש, וועלן ביי אונדזער גאַנצן רייכטום ניט זיין קיין לערער, וואָס זאָלן קאָנען פאַרנעמען די אַמטן לויט די פאָ־דערונגען פון די הויכשולן. עס איז דאָ אַן אינטערעס צו יידיש. אין אַזעלכע קרייזן, וואָס זיינען ביז מיט ערשט אַ פאַר יאָר צוריק

געווען אינגאַנצן פרעמד צו דער אידייע פון ייִדיש־קענטניש, איז איצט פאַראַן אַן אויפגעלעבטער דראַנג צו קענען די שפּראַך פון די ייִדישע מאַסן, זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון דעם ייִדישן פאָלק.

עס ווילט זיך ניט מוסרן און עס ווילט זיך ניט ווידער באַשולדיקן. אָבער אויך דאָ, ווען מיר דערגרייכן שוין יאָ דעם סטודענטישן עלעמענט, וועלכן מיר האָבן צוריק מיט אַ פּאָר יאָר ניט געוואַגט צו גרייכן, געפינען מיר אויס צו אונדזער גרויסער בושה, אַז מיר זיינען ניט צוגעגרייט מיט דעם עלעמענטאַרסטן. עס פעלט, איר ווייסט וואָס? עס פעלט אַ ייִדיש לערן־בוך. עס פעלט אַ פּאַסנד לערן בוך, וואָס אַ ייִדישער סטודענט זאָל קענען נעמען אין האַנט אַריין און פאַרשטיין. אָט ווי עס נעמט אַ פאַראינטערעסירטער מענטש אַ בוך פון וועלכער־ניט־איז אַנדער שפּראַך, ווען ער וויל זיך באַקענען מיט דעם לשון, וואָס ער וויל דערלערנען. ביי אונדז איז אַזאַ בוך נאָך אַלץ ניטאָ. פון דעם באַריכט, וואָס דער י. ל. פּרץ קלוב פון פילאַדעלפיע גיט אָפּ, האָבן זיי געמוזט לערנען די קאַלעדזש סטודענטן ייִדיש פון אַ טאָג־צייטונג. די פּאָר לערן־ביכער, וואָס זיינען יאָ דאָ, זיינען אָדער צו קינדיש אָדער זיי זיינען צו שווער. ערשט איצט ווערט פאַרעפנטלעכט אַ ניי לערן־בוך, צוגעגרייט פון אוריאל וויינרייך. דער בוך איז ספּעציעל צוגעגרייט פאַר קאַלעדזש סטודענטן און רופט זיך טאַקע אין ענגליש „קאַלעדזש ייִדיש.״ אויך דר. מאַקס וויינרייך האָט מיר דערקלערט, אַז ביז איצט איז ניטאָ קיין פּאַסנד ייִדיש טעקסט בוך. און אַז מען רעדט שוין וועגן ביכער, מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז עס פעלן ביכער, לייען־ביכער פאַר קינדער, אילוסטרירטע ביכלעך פאַר אָנפאַנגער.

אָט די אַלע אָנווייזונגען, אַריינרעכנענדיק אַזאַ פאַקט, וואָס עס איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין פּאַסנדיק ייִדיש לערן־בוך פון ייִדיש מיט ענגלישער איבערזעצונג, ברענגען אונדז צו דער איבערצייגונג, אַז ניט מיר האָבן געהאַט דעם ריכטיקן צוגאַנג און אַז ניט מיר האָבן ביז איצט אָנגענומען די ריכטיקע מיטלען אויסצונוצן די בעסטע געלעגנהייטן אַפילו, ווען מיר האָבן זיי ענדלעך שוין געקראָגן.

אָבער ייִדן האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער באַוויזן, אַז זיי שרעקן זיך ניט פאַר קיין דורכפאַלן. מיר זײַנען אין די צײַטן פון תנ"ך שוין באַוואוסט געווען אַלס אַן עם קשה עורף און אויך די ייִדיש רעדנדיקע ייִדן האָבן מער ווי ביי איין געלעגנהייט באַוויזן, אַז וואָס עס איז שייך אויסדויער און איינגעשפּאַרטקייט, זײַנען זיי געטרייע זין פון דעם אייביקן פאָלק ישראל. איצט איז די צײַט, ווען עס ווערט אַרויסגעלאָזן דער רוף פאַר דער מאָביליזאַציע פון די ייִדישע קרעפטן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. די באַוועגונג אַרום ארץ ישראל פאָדערט פון די ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט צו צעמענטירן זייערע רייען און דורך שטאַרקן די פּאָזיציעס פון ארץ ישראל אויך שטאַרקן די פּאָזיציעס פון עם ישראל אומעטום.

קולטור־אַרבעט אויף ייִדיש האָט אַלעמאָל זיך געשטיצט אויף דער צוציאונגס־קראַפט פון אַ גרויסער באַוועגונג. ביז ערשט ניט לאַנג זײַנען די דאָזיקע באַוועגונגען געווען דער סאָציאַליזם, בונדיזם און אויך דער קאָמוניזם.

אָבער דאָס ברייטע ייִדישע לעבן קאָן זיך שוין, ווי געזאָגט, אויף די אַלע באַוועגונגען מער ניט שטיצן. און אויף אָט דעם געביט ווערט ווידערהאָלט אָט דער געהיימער געזעץ פון דער ייִדישער נאַטור. ווען מיר פאַרלירן איין וויכטיקע פּאָזיציע, וואַקסט אַ צווייטע אויס „ווי פון אונטער דער ערד." פּונקט אַזוי ווי ווען מיר „פאַרלירן" איין לאַנד פאַר אונדזער איינוואַנדערונג, קריגן מיר באַלד מעגלעכקייטן אין אַ צווייטן לאַנד. און איצט, אין דער צײַט פון אונדזער גרעסטן אומגליק, ווען עס זעט אויס, אַז מיר האָבן פאַרלוירן דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע, האָבן מיר צוריקגעקראָגן די גרעסטע קאָמפּענסאַציע, די גרעסטע פאַרגיטיגונג פאַר דעם גרעסטן פאַרלוסט. מיר האָבן צוריקגעקראָגן אונדזער אייגן לאַנד — ארץ ישראל. און אויך אויף דעם אידייאישן געביט, זעט עס אויס, אַז דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט. ווען די מערהייט ייִדישע קעמפער האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין די הייליקסטע וועלטלעכע אידעאַלן זייערע, איז געקומען דער אידעאַל פון אַן אייגענער היים, און פון די מערסטע סאָציאַליסטן אַפילו געמאַכט נאַציאָנאַליסטן. און דאָ מוזן מיר צוגעבן, אַז דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם איז גע־

גליכן צו דעם סאָרט נאַציאָנאַליזם, וואָס באַגרעניצט זיך מיט דעם נאַטירלעכן פאַרלאַנג פון יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש — און דאָס איז: צו האָבן אַן אייגן פּלאַץ אונטער דער זון. דער דאָזיקער דראַנג איז ביים יידן איצט פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דעם פייער און אין דעם פלאַם פון די גאַז־קאַמערן. די אַלע, וואָס רעדן וועגן יידישן שאָוויניזם אין שייכות מיט דעם יידישן ווידערגעבורט, רעדן מאַשינאָווע רייד.

און אויב די קעמפער פאַר יידיש וועלן ריכטיק אָפּשאַצן דעם היסטאָרישן מאָמענט, קאָן די געלעגנהייט, וואָס יידיש קאָן קריגן, זיין אַ רעטונג פון דער געפערלעכער סיטואַציע, אין וועלכער די יידישע קולטור־טעטיקייט איז פאַר די לעצטע יאָרן אַריינגעשטויסן געוואָרן. יידיש און ציוניזם אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער — שטרייכן מיר ווידער אונטער — מוזן זיך דערנעענטערן!

קאַפּיטל 6.

מען האָט אַלעמאָל געזאָרגט פאַר ליטעראַטור, און פאַר־געסן אין דער יוגנט. — די געפאַר פון בלייבן אָן אַ יורש. — יידישיסטן האָבן געזוכט פאַרלאָזטע „סטאַרקעס" פאַר שולן און די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע טוער האָבן געבויט ריזיקע אינסטיטוציעס פאַר לערנען. — עס איז לייכטער צו זאַמלען מיליאָנען אין אַמעריקע פאַר גע־געזעלשאַפטלעכע ענינים, ווי סענטן. — קינדער גאָרטנס און גאַנצע שולן.

יידיש איז אַלעמאָל געגאַנגען מיט שטילע טריט. געווען אַלע־מאָל אריינגעטאָן אין זיך. עס איז אפשר געווען דער גרעסטער חסרון פון דער יידיש־טעטיקייט, וואָס אירע וויכטיקסטע פאָרקעמ־פער זיינען געווען און זיינען נאָך היינט צו טאָג יידישע ליטעראַטן, דיכטער און נאָוועליסטן, ביי וועלכע זייער שאַפן מוז, נאַטירלעך, קומען צוערשט. און כל־זמן עס איז געווען אַ יידישער לייענער און עס איז געווען אַ יונגע יידישע אימיגראַציע, האָט מען אין דער ווייטער צוקונפט ניט געקוקט. פון דיכטער און נאָוועליסטן קאָן מען קיין סך פּראַקטישקייט ניט דערוואַרטן. דאָס וואָלט אפשר געווען קעגן דער נאַטור. דערפאַר האָבן זיי זיך אפשר ניט געכאַפּט אין צייט, אַז מען דאַרף באַזאָרגן אַ היגע יוגנט, וואָס זאָל איבער־נעמען די ירושה. מען איז געווען פאַרטאָן אין די אייגענע דער־פאָלגן און אין די אייגענע פּלענער, חלומות און טרוימען. ביי די קאַפע־טישלעך און אין די רעדאַקציעס און אין די קלובן. אויב מ'האָט געשאַפן אַמאָל אַ יידישע קולטור־געזעלשאַפט, איז ווידער די הויפּט־טעטיקייט געווען קאָנצענטרירט אַרום לעקציעס און אַלץ ווידער פאַר דעם זעלביקן דור, וואָס איז געקומען פון יענער זייט.

אין דער זעלביקער צייט אָבער, וואָס די יידישיסטן זיינען פאַרנומען געווען מערסטנס מיט ליטעראַטור און מיט ליטעראַרישער טעטיקייט, זיינען די יידישע טוער אין רעליגיעזן און אין נאַציאָנאַלן לאַגער געווען פאַרנומען מיט בויען אויף אַ פעסטן פונדאַמענט גרויסע דערציאונגס-אינסטיטוציעס. די יידיש-קעמפער האָבן אַפילו ניט נאָכגעפאָלגט די רייד פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט נאָך מיט איבער 50 יאָר צוריק אָנגעצייכנט אַ פּראָגראַם פאַר די יידישיסטן. דר. זשיטלאָווסקי האָט אין זיין ווערק „פאַרוואָס דווקא יידיש?״ געשריבן אין יאָר 1,897 צווישן אַנדערן, פאָלגנדעס: „מיר, יידן, וועלן האָבן אונדזערע שולן און קלוג-איינגעפירטע חדרים, אונדזערע גימנאַזיעס און רעאַל שולן, אַפילו אונדזערע אייגענע אוניווערזיטעטן.״ נו, מען קען ניט זאָגן, אַז דר. זשיטלאָווסקיס נביאות איז מקוים געוואָרן. זיינע תלמידים האָבן געהאַט גאָר קליינע, קליינע השגות. אַפילו דעמאָלסט, ווען זיי זיינען נאָך יונג געווען און געהאַט געזונטע אַפּעטיטן, זיינען זייערע אַמביציעס געווען פון דעם באַנצי שווייג טיף. אַפילו דאַן, ווען זיי האָבן שוין יאָ באַשלאָסן צו שאַפן אייגענע שולן אויף יידיש, זיינען די שולן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַן ערגערער מדריגה, ווי די חדרים אין דער אַלטער היים. ווייל ווען מען נעמט דאָס צימער, אין וועלכן די יידישע שול געפינט זיך דאָ געוויינלעך און מען פאַרגלייכט עס מיט די רחבותדיקע געביידעס פון די פּאַבליק סקולס, איז דער צושטאַנד פיל ערגער, ווי דער חדר אין פאַרגלייך מיט דער שקאָלע אין דער אַלטער היים.

דאָס אַלץ איז געשען, ווייל דער צוגאַנג איז געווען אַן אָרימער. צו דער זעלביקער צייט אָבער, וואָס די יידיש-טוער האָבן געזוכט אַ ליידיקע סטאַרקע ערגעץ צו פאַרוואַנדלען אין אַ יידישער שול, צו דער זעלביקער צייט זיינען די רעליגיעזע יידן און די יידן, וואָס שטייען נאָענט צו אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי דער ישיבה קאָלעדזש, דער טעאָלאָגישער סעמינאַר, און די ליבאַוויטשער ישיבות, געווען פאַרנומען ניט מיט זאַמלען פענים, אָדער אַפילו הונדערטערס, נאָר זיי זיינען געווען מער דערפאָלגרייך אין שאַפן מיליאָנען. ווייל אַזוי איז עס שוין אין אַמעריקע. דער וואָס פאַרמעסט זיך אויף מיליאָנען, דער האָט מער דערפאָלג. מען רעספּעקטירט אים מער. און מען

גיט אים טאַקע לייכטער. און אַט זעען מיר טאַקע אונדזערע נע־בעכדיקע דערגרייכונגען מיט ייִדישע סטאַרקע־שולן.

אָבער דאָס אַלץ זיינען, ווי מ'זאָגט, זאַכן פון דער פאַרגאַנגענ־הייט. מיר ווייזן אָן אויף דעם דאָזיקן צושטאַנד בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָפן, אַז אפשר, קען נאָך עפּעס געטאָן ווערן, ווי שפּעט עס זאָל ניט זיין. מיר מוזן איצטער אַרויס מיט אַ קאַמפּעין ניט בלויז פאַר איין מיליאָן, נאָר פאַר פינף און אפשר מער מיליאָן. אַ קאַמ־פּעין אַזאַ מוז געשטיצט און אָנגעפירט ווערן פון דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע. ווייל די ייִדישע פּרעסע איז די ערשטע, וואָס דאַרף זיין בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם וויטערדיקן אויפ־האַלט פון דער ייִדישער שפּראַך אין אַמעריקע. דער ייִדישער קול־טור־קאָנגרעס דאַרף וויסן, אַז זיין אויפגאַבע איז אַמוויכטיקסטן, ווען עס קומט צום ייִדישן שול־וועזן. עס מוזן געגרינדעט ווערן נייע ייִדישע שולן. מערסטנס גאַנצע ייִדישע שולן, דאָס, וואָס מען רופט „פּאַראָקיעל סקולס." מיליאָנען דאָלאַר מוזן געשאַפן ווערן פאַר אָט דעם צוועק. עס מוז געשאַפן ווערן אַ נעץ פון ייִדישע קינדער גאָרטנס. עס איז דאָ אַ גרויסע נויטווענדיקייט און אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף ייִדישע קינדער גאָרטנס. ווי מיר האָבן שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזן, זיינען אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער ייִדישע עלטערן פאַראינטערעסירט צו געבן זייערע קינדער אַ ייִדישע דער־ציאונג.

אין אַן אויספאָרשונג, וואָס דער שרייבער האָט מיט אַ צייט צוריק געמאַכט, איז אויסגעפונען געוואָרן, אַז פאַר די לעצטע פאָר יאָר זינט נאָך דעם קריג, זיינען אין ניו־יאָרק אַליין צוגעקומען פופציק נייע קינדער גאָרטנס אויף העברעאיש. אין דער זעלביקער צייט זיינען צוגעקומען בלויז צוויי קינדער־גאָרטנס אויף דער ייִדי־שער שפּראַך. מיר האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז עס פעלט איניציאַטיוו אין די ייִדיש־רעדנדיקע רייען. אין דער זעלביקער צייט, וואָס עס הערשט אַזאַ אָפּהענטיקייט אין די ייִדיש־רעדנדיקע רייען, איז אין העברעאיש־רעדנדיקן לאַגער פיל לעבעדיקער. און דער פאַקט איז, אַז ווען עס וואָלטן זיך שאַפן קינדער־גאָרטנס אויף ייִדיש, צוזאַמען טאַקע מיט העברעאיש אפשר, וואָלטן אַזעלכע קינדער גאָרטנס געהאַט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג. אפשר האָט ריכטיק אָנגעוויזן

דער פּעדאַגאָג און דערציער ירחמיאל ווײַנגאַרטן, אין אַן ענטפער אויף אַן אַרטיקל פון דעם שרייבער אין „טאָג," אַז מען קען ניט אָפּ־טיילן דעם קינדער גאָרטן פון דער שול, ווייל איינס מיט דעם צווייטן איז געקניפּט און געבונדן. נו, מיר וועלן זיך וועגן דעם ניט פיל שפּאַרן. מיר גייען איין דערויף, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן אַ גאַנצע ריי שולן איבער דעם גאַנצן לאַנד. עס מוז געזען ווערן, אַז די לאָקאַלע אַלגעמיינע פאָנדן, די אַזוי גערופענע „קאָמיוניטי טשעסטס," זאָלן אָנהויבן בייצושטייערן אַ גרויסן חלק צו דעם אויפהאַלט פון דער שול־סיסטעם אויף יידיש. סיי פאַר די יידן דאָ אין אַמעריקע, סיי פאַר די יידן פון יענער זייט ים, איז עס נויטיק, אַז יידישקייט זאָל געשטאַרקט ווערן, און די יידישע שול קען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דורכפירן די דאָזיקע אַרבעט.

אָבער אויסער דעם גרינדן נייע שולן און ביי די שולן — קינ־דער גאָרטנס, דאַרפן די יידיש־קעמפער אויך אָנפירן אַ קאַמף, אַז יידיש, אַלס שפּראַך און ליטעראַטור זאָל איינגעפירט ווערן אַלס לימוד אין די שוין־עקזיסטירנדיקע יידישע הויכשולן ווי עס איז דער ישיבה אוניווערזיטעט, דער טעאָלאָגישער סעמינאַר, די ליבאַ־וויטשער ישיבות. מיט אַ צייט צוריק האָט דער שרייבער געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם פירער פון די ליבאַוויטשער ישיבות, גור אריה, דער איידים פון ליבאַוויטשער רבין, און עס איז אַ פאַקט, אַז אין די ליבאַוויטשער ישיבות איז די באַציאונג צו יידיש און יידישן שאַפן אַ גאַר, גאַר פריינטלעכע.

צוריק מיט אַ פאַר יאָר האָט זיך געהאַלטן אין שאַפן אַ באַ־וועגונג, אַז יידיש זאָל איינגעפירט ווערן אַלס לימוד אין האַי־סקולס. ווינציק איז פון דער דאָזיקער באַוועגונג אַרויסגעקומען, ווייל ניט געגנוג איז געטאָן געוואָרן. אין דער צייט איז די העברע־אישע שפּראַך שוין איינגעפירט געוואָרן אין איבער צוויי צענ־דליק האַי־סקולס (אָט די ציפער באַציט זיך נאָך אויף סוף 1947). לעצטנס האָט העברעאיש געקראָגן פולע אָנערקענונג אין ניו־יאָרק סטייט און יידיש בלייבט שוין אינגאַנצן הינטערשטעליק. דאָס איז ניט בלויז דערפאַר, ווייל צו העברעאיש איז דער אינטערעס פיל גרעסער, נאָר הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל כדי דורכצופירן העב־רעאיש אין די האַי־סקולס עקזיסטירט אין ניו־יאָרק אַ ספּעציעלע

אָרגאַניזאַציע מיט אַ ספּעציעל־באַצאָלטן דירעקטאָר, וועמעס אויס־שליסלעכע אַרבעט עס באַשטייט בלויז אין דערין, אַז אין וואָס מער האַי־סקולס זאָל העברעאיש איינגעפירט ווערן אַלס אַ לימוד. און פון די רעזולטאַטן איז צו זען, אַז די אַרבעט ווערט געקרוינט מיט דערפאָלג.

אַז מען וואָלט אויך מיט יידיש געקענט פיל דערגרייכן, ווען אַזאַ אַרבעט וואָלט אָנגעהויבן געפירט צו ווערן אויף אַ סיסטע־מאַטישן אופן, קען דינען אַלס באַווייז דער פאַקט, אַז ווען מען האָט געמאַכט אויף פּראָפעסאָר סאָל ליפּצינ'ס איניציאַטיוו אַ פאַרזוך איינצופירן יידיש אַלס לימוד אין ניו־יאָרקער סיטי קאָלעדזש, איז די אַרבעט געווען דערפאָלגרייך. שפּעטער איז געעפנט געוואָרן אַ קורס פון יידיש אויך אין ברוקלין קאָלעדזש, און ניט בלויז יידן, נאָר עס איז אַ פאַקט, אַז אויך אַ פּאָר קריסטן, האָבן זיך צוליב פאַרשידענע טשיקאַווע סיבות רעגיסטרירט אויף די קורסן צו לער־נען זיך לייענען און שרייבן יידיש.

מיר מוזן קומען צו דעם זעלביקן אויספיר, אַז עס פאָדערט זיך אַרבעט און אָן אַרבעט וועט גאָרניט ניט דערגרייכט ווערן. עס איז ניט אמת, אַז אַלע קוואַלן זיינען שוין געשלאָסן. פאַראַן נאָך גרויסע מעגלעכקייטן. מעגלעכקייטן, וועלכע וואַרטן אויף דעם ריכטיקן צוגאַנג מיט די ריכטיקע מיטלען.

קאַפּיטל 7.

די גרויסע ראָל, וואָס דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און דער אַרבעטער רינג קענען שפּילן אין דער נייער באַוועגונג. — כדי צוצוציען די יוגנט, דאַרף מען באַנוצן די יוגנט. — דער טרויעריקער מצב פון יידישן טעאַטער און וואָס די קולטור־קאָנפערענץ קען דערפון לערנען. — נעמען פון אינסטיטוציעס, וואָס פּאַסן זיך שוין מער ניט אַריין אין דער אַרבעט.

פאַראַן גרויסע אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיינען דער שטאָלץ פון אַלע באַוואוסטזיניקע יידן דאָ אין לאַנד. אַז איר גייט אַריין אין איינער אַזאַ אינסטיטוציע ווערט אייער האַרץ אָנגעפולט מיט פרייד. איר פילט באמת, אַז די יידן אין אַמעריקע האָבן פיל דערגרייכט, אַז זיי האָבן פאַר די עטלעכע צענדליק יאָר אויפגעבויט אַ רייך און אַלזייטיק יידיש לעבן. עס טומלט זיך אין די גרויסע און רייכע געביידעס, וואָס די דאָזיקע אינסטיטוציעס פאַרנעמען. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די יידן אין אַמעריקע, באַזונדערס די יידן פון ניו־יאָרק, האָבן גאָר אַנטוויקלט אַן אייגענע רעגירונג אָדער אַט־אָ יענע גרויסע יידישע געמיינדע, וועגן וועלכער מיר אַלע האָבן אין אונדזערע בעסטע טרוימען געחלומט.

גרויס נחת האָבן מיר אין די דאָזיקע אַלע אינסטיטוציעס. אַז איר גייט אַריין אין דער געביידע, וואו עס געפינט זיך דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, אָדער אין דער „פאָר־ווערטס" געביידע, וואו עס געפינט זיך דער אַרבעטער רינג, וועל־כער ווערט זיך אַריבערקלייבן אין דער נאָענטער צוקונפט אין אַן אייגענער היים, פילט איר, אַז דאָ ליגט אַ סך יידישער כוח, אַ סך קראַפט. איר פילט זיך גאָר דערפרייט, ווען איר קומט אַריין

אין דער נייער היים פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואו עס געפינט זיך אַן אוצר פון ביכער אויף יידיש און וואָס איז שוין יאָרן לאַנג אַ וועלט־אַדרעס פון דער יידישער קולטור. און גאַר דערהויבן פילט איר זיך, ווען איר באַזוכט די שיינע געביידע פון דעם יידישן לערער סעמינאַר, וואָס געפינט זיך אין אַן אַריסטאָ־קראַטישער געגנט. און עס איז נאַטירלעך, אַז יעדער יידישער ייד, ספּעציעל יידן פון אויסער ניו־יאָרק, זאָלן פילן שטאָלץ, ווען זיי באַזוכן די היימען פון די גרויסע יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק. דאָס זיינען דאָך זיכער וועלט־אינסטיטוציעס. קיין שום צייטונג אין דער וועלט, אַפילו די גרעסטע און באַרימטסטע ענגלישע צייטונג אין אַמעריקע, קען זיך ניט באַרימען, אַז מען קוקט אויף איר אַרויס אַזוי שטאַרק און מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און בענקשאַפט, ווי עס קוקן אַרויס צענדליקער טויזנטער יידן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דער וועלט אויף דער יידישער צייטונג.

דאָס אַלץ איז זיכער אַ גרויסע דערגרייכונג. איר פילט זיך באמת שטאָלץ, וואָס טראָץ אַלע שוועריקייטן, טראָץ אַלע שטיינער אין וועג, האָבן די יידישע מאַסן אין אַמעריקע באַוויזן צו אַנטוויקלען אַזעלכע גרויסע אינסטיטוציעס. און דאָך, און דאָך! ווילט זיך זאָגן, אַז אין דער זעלביקער צייט, וואָס אייער האַרץ איז אָנגעפילט מיט פרייד, דערפילט איר אַ שווערן טרויער. איר דערפילט אַ ווייטיק, וואָס גרעניצט זיך מיט פאַרצווייפלונג, ווען איר גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז פאַר די אַלע גרויסע דערגרייכונגען איז די צוקונפט אַ ביז גאַר צווייפלהאַפטע. ווייל ביז איצט, אין דער שפּעטער שעה, איז כמעט גאָרניט געטאָן געוואָרן צו פאַרזיכערן, אַז דער אַמעריקאַנער דור זאָל זיין באמת פאַראינטערעסירט צו אַרבעטן פאַר דעם ווייטערדיקן אויפהאַלט און אַנטוויקלונג פון די זעלביקע גרויסע אינסטיטוציעס.

סיי דער אַרבעטער רינג, סיי דער פאַרבאַנד, אָפּערירן מיט מיליאָנען. דער שרייבער פון די שורות, ווי עס גייט דער קלאַסישער אויסדרוק, האָט ניט געציילט דעם פאַרמעגן פון אָט די דאָזיקע צוויי אינסטיטוציעס, אָבער עס איז זיכער, אַז זיי האָבן גרויסע סומען צי אין זייער אייגענער קאַסע אָדער זיי קענען גרויסע סומען זאַמלען דורך דער מיטגלידערשאַפט. (צענדליקער טויזנטער אַר־

גאַניזירטע מענטשן איז אַ גרויסער כוח און אַ גרויסער פאַרמעגן אָן־און־פאַר־זיך). אָבער ביידע אינסטיטוציעס האָבן ניט פיל דערגרייכט אויף דעם געביט פון פאַראינטערעסירן די יוגנט. מיר קענען ניט מאַכן קיין פילזייטיקן שטודיום פון אָט דעם דאָזיקן ענין, אָבער מיר מוזן אָנווייזן דערויף, אַז אפשר זיינען ניט גענוצט געוואָרן די ריכטיקע מעטאָדן און געהעריקע מיטלען פאַר אָט דער אַרבעט.

כדי בעסער צו פאַרשטיין דאָס, וואָס מיר ווילן דאָ אַרויסברענגען, וועלן מיר דאָ דערציילן וועגן אַ פאַל מיט איינעם פון די עלטסטע און רייכסטע זשורנאַלן אין אַמעריקע, וועלכער האָט באַמערקט, אַז ער הויבט אָן צו פאַרלירן פון זיינע מיליאָנען לייענער. דער דאָזיקער זשורנאַל, וועלכער איז דווקא זייער אַ קאָנסערוואַטיווער, האָט געוואָלט צוציען צו זיך דעם נייעם, דעם יונגן לייענער. אָט, טרעפט, וואָס אַזוינס ער האָט געטאָן? גאַנץ פשוט. און ווייל די זאַך איז אַזוי פשוט, איז זי טאַקע פונקט אַזוי אפשר איבערראשנד. דער מיליאָנערסקער זשורנאַל האָט, כדי צוצוציען די יוגנט, אָנגעשטעלט אַ יונגן רעדאַקטאָר. אַ יונגערמאַן פון די גאָר פריע דרייסיקער. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דעם געדאַנק, אַז כדי צוצוציען די יוגנט, וואָלט אַמבעסטן געווען צו באַנוצן טאַקע אַ פאָרשטייער פון דער זעלביקער יוגנט און לאָזן אים צושטעלן דאָס, וואָס דער יונגער עלעמענט פאַרלאַנגט.

מיר ברענגען דעם דאָזיקן ביישפּיל הויפּטזעכלעך פאַר די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ביז איצט ניט באַגריפן, אַז כדי צו קריגן די יוגנט, דאַרף מען באַנוצן די יוגנט. איר קענט דורכגיין אַלע יידישע אינסטיטוציעס, די גאָר גרויסע פּונקט ווי די קלענערע, און איר וועט זעלטן, זעלטן, געפינען אַ יונגן מענטשן. מיר מיינען יידיש־רעדנדיקע יונגע מענטשן. אויב איר געפינט יאָ יונגע אַמעריקאַנער געבוירענע אין די יידיש־רעדנדיקע אינסטיטוציעס, זיינען דאָס מיידלעך. און מערסטנס אַרבעטן זיי ביי שרייב־מאַשינקעס אָדער ביים טעלעפאָן. אויך פאַראַן אַ צאָל אַמעריקאַנער געבוירענע סטענאָגראַפיסטינס אויף יידיש. איר געפינט אָבער יאָ עקזעקוטיווע טוער, אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע יונגעלייט, געזונטע הויכע חברהלייט, ביי די רעליגיעזע, ביי די צעירי אגודת ישראל, ביי די מזרחי, ביי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. און דווקא פיל פון

אַט די יונגעלייט קענען יידיש. זיי רעדן די שפּראַך און לייענען אויך יידישע צייטונגען. אָבער אין די יידיש־רעדנדיקע אָרגאַניזאַציעס, אין דעם אַרבעטער רינג אָדער אין פאַרבאַנד און אין אַנדערע יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס, שוין אַריינרעכענענדיק די יידישע צייטונגען — וואו איז דאָרט די יידישע יוגנט, אַט די, וואָס איז געבוירן געוואָרן דאָ אין לאַנד? ! מען רעדט און מ׳שרייבט און מען מוסרט! וואָס זאָגט מען ניט וועגן אַט־דער דאָזיקער יוגנט? אָבער צי האָבן אונדזערע טוער און די, וואָס „קעמפן" שוין פאַר יידיש אַ לעבן לאַנג, זיך געזאָרגט וועגן דעם, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן — און מיר וועלן דאָ נוצן אַ גאַנץ פּראַזאַאישן אויסדרוק, — דזשאָבס פאַר אַט דער יוגנט. פּשוט גערעדט, אַז אַמעריקאַנער געבוירענע זאָלן אויך קענען מאַכן אַ לעבן פון יידיש, פון יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און פון יידישער קולטור אין אַמעריקע. ווייל, צוריק גערעדט, מאַכן דאָך אַלע קולטור־טוער, איך מיין טאַקע די גרויסע און די באַרימטע, אויך אַ לעבן פון אַט־דעם, וואָס מיר רופן יידישע קולטור־טעטיקייט און יידישע קולטור־אַרבעט. צו „מאַכן אַ לעבן" איז זיכער ניט קיין פאַרברעכן. עס איז מער אַ נויטווענדיקייט. עס איז אָבער מער ווי אַ נויטווענדיקייט צו געבן אויך דער יוגנט אַ שאַנס, אַ געלעגנהייט, אויב מיר ווילן, אַז אַט די אַלע גרויסע אינסטיטוציעס זאָלן אויף ווייטער אויך בלייבן עקזיסטירן.

אַט די דאָזיקע פּראַקטיק פון צולאָזן די יוגנט און געבן איר וויכטיקע פּאָזיציעס איז שוין פון לאַנג איינגעפירט געוואָרן, ווי געזאָגט, אין די רעליגיעזע קרייזן, און עס וועט אפשר קלינגען קאָמיש, אָבער אַזוי איז עס, — עס וואָלטן זיכער ניט געווען אַזוי פיל ראַבאַים און אַנדערע טוערס, ווען זיי וואָלטן ניט געקראָגן קיין געלעגנהייט צו מאַכן אַ גאַנץ גוט לעבן ביי זייער באַשעפטיקונג. און מען מוז צוגעבן, אַז אַ גאַנץ גרויסע צאָל פון די פייאיקסטע הי־געבוירענע יונגעלייט האָבן שטודירט און שטודירן צו זיין ראַבאַים. פיל פון זיי זיינען שוין מענטשן מיט גרויסע נעמען. אָבער ניט בלויז ראַבאַים, נאָר אויך די לערער, וואָס ווערן צוגעגרייט אין די רעליגיעזע קרייזן פון אַלע שאַטירונגען, ווערן באַזאָרגט מיט גוטע שטעלעס, מיט געהאַלטן, וואָס זאָלן זיין אויף אַ העכערער שטופע ווי די, וואָס

לערער קריגן אין אַנדערע פּריוואַטע שולן. דעם שרייבער איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ צו געפינען מיטלען ווי אַזוי צו דערגרייכן אַ שטופּע, אַז נאַציאָנאַלע לערער זאָלן קענען מאַכן אַ בעסער לעבן אין פאַרגלייך מיט גוט־באַצאָלטע אָנגעשטעלטע אויף אַנדערע געביטן, דאָס אַלץ כדי צו פאַראינטערעסירן גאָר פייאיקע יונגעלייט צו ווערן און בלייבן לערער פאַר יידישע קינדער.

ביי אונדז, אָבער, אין די קרייזן פון אַרבעטער רינג און פון פאַרבאַנד, ווער ווייסט וויפיל אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע לערער, מיר מיינען יונגעלייט, זיינען דאָ ? ! אַפילו דאָס לערנען אין דעם יידישן לערער סעמינאַר איז געווען באַשטימט אַלס אַ מין אידעאַליסטישע אונטערנעמונג, און איז גאָר ווייניק וואָס פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם פּראַקטישן לעבן. נאָך ביז היינט־צו־טאָג זעט עס אויס, אַז צו זיין אַן יידישער לערער אין די יידיש־רעדנדיקע שולן פון אַמעריקע דאַרף מען זיין אַ געבוירענער פון יענער זייט ים. עס זעט אויס, ווי דאָס גאַנצע לעבן אויף יידיש באַלאַנגט און איז אויסשליסלעך אַ זאַך פון די, וואָס זיינען ניט קיין הי־געבוירענע. מ׳איז געקומען פון יענער זייט און מ׳האָט זיך אויפגעשטעלט אַ ביידל און מען איז צופרידן פון אייגענעם אויפטו. עס קומט אויס ווי מען וואָלט זיך אַליין אַריינגעשפּאַרט אין אַ געטאָ און מען וויל קיינעם ניט אַריינלאָזן.

עס איז אַ פאַקט : מען האָט די יוגנט ניט צוגעצויגן, איינגאַנצן ניט צוגעלאָזט. און איצט זעען מיר די רעזולטאַטן פון אַ שוידערלעך־טרויעריקן צושטאַנד. אונדזערע טוער זיינען שוין באַלד מערסטנס גאָר עלטערע. אונדזערע שרייבער און קעמפער זיינען שוין מערסטנס מיד און צעבראָכן. אונדזערע ליבהאָבער אויף דער בינע, מיר מיינען די אַקטיאָרן, וואָס דאַרפן שפּילן די ראָלע פון דאָן זשואַנען, זיינען זקנים, און אונדזערע פּרימאַדאָנעס, — נו, זיי זיינען שוין אויך ניט פון די יונגע...

עס איז שוין שפּעט ! עס איז שוין שפּעט ! אָבער בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל ! לאָזט צו די יוגנט ! גיט איר אַ געלעגנהייט ! אויב איר רופט קאָנגרעסן צו באַזאָרגן די יידישע קולטור, דאַן מוזט איר געדענקען, אַז די הויפּט זאָרג ליגט אין דער פראַגע פון

ירושה, אין דער פּראָבלעם, ווער עס זאָל איבערנעמען און ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט. מען דאַרף אָבער גוט געדענקען, אַז קיינער וויל ביי קיינעם גאָרנישט ניט צונעמען. אויב מען לאָזט צו די יוגנט, מיינט עס ניט, אַז די עלטערע וועלן אַרויסגעשטופּט ווערן. ערשטנס, פּשוט דערפאַר, וואָס עס זיינען ניט גרייט אַזוי פיל יוגנט־לעכע, דאָס הייסט מען האָט ניט צוגעגרייט אַזוי פיל יונגע מענטשן צו פאַרנעמען אָמטן אויף יידיש אין יידישן לעבן. און, צווייטנס, וואָס מער נייע יונגע מענטשן עס זאָלן באַשעפטיקט ווערן; אַלץ מער אויסזיכטן און מעגלעכקייטן וועלן זיך שאַפן פאַר די אַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס צו לעבן לענגער. צוליב דעם, וואָס דער טעאַטער, למשל, האָט געמאַכט געוואַלדיקע שוועריקייטן פאַר נייע, יונגע מענטשן אַריינצוקומען אין די פּראָפעסיאָנעלע רייען, געפינט זיך איצט דער זעלביקער טעאַטער אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג. דער יידישער טעאַטער לעבט איצט איבער דעם שאַרפסטן קריזיס און איינעם פון זיינע גאַר לעצטע קריזיסן, ניט אַזוי דערפאַר, וואָס אים פעלט אוים אַן עולם פון פאַראינטערעסירטע צושויער, נאָר מערער אפשר גאָר דערפאַר, וואָס אים פעלט ניי, יונג בלוט אויף דער בינע זעלבסט. עס פעלן יונגע פיגורן, יונגע שטימען, יונגע פּנים. יונגער ברויזנדיקער טאַלאַנט. און ווען דאָס איז דאָ, וואָלטן זיך אויך געשאַפן נייע אונטערנעמער, נייע דירעק־טאָרן און אפשר וואָלט מען סוף כל סוף אויך אויפגעפירט עפּעס נייעס און ענדלעך אַוועק אויף אַ ווייל פון דער טראַדיציאָנעלער באָרד, מיט דעם ברייטן מחותן, מיט די פּאות און אַנדערע מטלטלים און מען וואָלט מעגלעך אויך אויפגעפירט אַן אַנשטענדיקע פּיעסע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן. עס מערקט זיך אויך, אַז דער יידישער פּרעסע פעלט יוגנט. עס פעלן יונגע שרייבער.

און אין אַלגעמיין פעלט יוגנט אומעטום, וואו נאָר יידיש ווערט גערעדט אָדער געשריבן.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז כדי צוצוציען די יוגנט, האָבן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער פאַרבאַנד און דער אַרבעטער רינג געדאַרפט אָנשטעלן יונגע מענטשן פון דער יוגנט זעלבסט. איך ווייס, אַז יעדער איינער פון אָט די אָרדנס האָט פון צייט צו צייט אָנגעשטעלט אַן „אָרגאַנייזער,“ אַן אַמעריקאַניזירטן אָדער אַן

אַמעריקאַנער געבוירענעם. מיט דעם האָט זיך אָבער די גאַנצע אַרבעט זייערע אויף דעם דאָזיקן געביט פאַרענדיקט. און וואָס עס איז נויטיק געווען אָבער, און וואָס עס איז נאָך אַלץ נויטיק, איז אַ גאַנצע נייע סיסטעם, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די פאַרלאַנגען און צו די באַדערפענישן פון דער היגער יוגנט, און זאָל צוגעפּאַסט זיין צו דעם גוסט און סטיל פון דעם יונגן דור. עס וואָלט אפשר ווינטשנסווערט געווען צו רופן אַ קאָנפערענץ אויף דאָס ניי פון אָט די יונגע עלעמענטן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דעם אַרבעטער רינג און אין דעם פאַרבאַנד. אַ קאָנפערענץ, פון אַ גאָר נייעם כאַראַקטער. אַ קאָנפערענץ, וואו די יוגנט זאָל קומען מיט דעם געדאַנק, אַז זיי וועלן דאַרפן איבערנעמען אין דער צוקונפט די גאַנצע אינסטיטוציע, די גאַנצע באַוועגונג. ביי אַזאַ קאָנפערענץ וואָלטן אַ פּאָר פון די עלטערע טוער דאַרפן זיין אַלס באַאָבאַכטער און אויסגעפינען, וואָס אַזוינס די יוגנט וואָלט וועלן האָבן אין זייערן אַן אייגענעם אָרדן, ווען זיי וואָלטן האָבן אַ געלעגנהייט אַזאַ אָרדן זיך צו שאַפן.

און אַז מען רעדט שוין וועגן אויסגעפינען, וואָס אַזוינס די יוגנט וואָלט וועלן, ווייס איך ניט, צי עס איז באַקאַנט די פירער פון די אַרבעטער רינג שולן, למשל, אַז אַ סך פון די געוועזענע שילער פון אַרבעטער רינג, וועלכע וואָלטן וועלן שיקן זייערע קינדער אין די אַרבעטער רינג שולן, טוען עס ניט, ווייל — עס מעג קלינגען ווי מאָדנע, אָבער עס איז אַ פאַקט — דער נאָמען פון די שולן פּאַסט זיך מער ניט אַריין אין דעם רומל, אין דעם לעבנס-שטייגער, וואָס אָט די געוועזענע אַרב. רינג שילער שטעלן זיך איין אין דער געגנט, וואו די יונג-פאַרהייראַטע יידישע קינדער פון מיטל קלאַס באַזעצן זיך. כדי מער קלאָר צו מאַכן אָט דעם צושטאַנד, וועל איך דאָ זאָגן, אַז איך רעד דאָ פון פאַקטן, און ניט פון קיין טעאָריעס. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די מערסטע יידישע קינדער גייען ניט אין די פוס-טריט פון זייערע עלטערן, ווען עס קומט צו באַשעפטיקונג. די מערסטע יידישע יונגעלייט זיינען ניט קיין שאַפּ-אַרבעטער. און ווען איינער איז אַ לערער, אַן אַקאַונטענט אָדער אַ דענטיסט, צי גאָר אַ דאָקטער, און אַפילו ווען איינער איז אַן אַרבעטער, און מען קויפט זיך אַ היים אין אַ נייער געגנט, ווילט

זיך ניט צו זיין פאַרבונדן, ווען מען קוקט אויף דעם דורך אַמערי־
קאַנער אויגן, מיט אַ שול וואָס טראָגט דעם נאָמען „וואָירקמענ׳ס
סוירקל סקול,״ אַ נאָמען, וואָס שמעקט, ווידער לויט די אַמעריקאַ־
נער באַגריפן, מיט ווער ווייסט וואָס... דאָס זעלביקע קען אויך
געזאָגט ווערן, וואָס עס איז שייך די שולן פון יידיש־נאַציאָנאַלן
אַרבעטער פאַרבאַנד, וועלכע זיינען אויף ענגליש די „סקולם אָוו די
וואָירקערס אַלייענס.״ יאָ, אויב מען וויל, אַז די שולן זאָלן האָבן
מער צוציאונגס קראַפט, דאַן דאַרף מען אַלס איינע פון די וויכ־
טיקע ענדערונגען, בייטן דעם נאָמען, אַזוי אַז ער זאָל האָבן מער
צוציאונגס־קראַפט און טאַקע מער אינהאַלט, ווי דער איצט־עקזיס־
טירנדער נאָמען. אַפילו פיל פון די עלטערע מיטגלידער, ווען זיי
וואָלטן איצט באַדאַרפט אַ נאָמען געבן זייערן אָרדן, וואָלטן
זיי געפונען אַ מער פּאַסנדערן נאָמען. ווייל ניט זיי זיינען איצט
— די גרעסטע מערהייט פון זיי — אַרבעטער, און ניט זיי האָבן
די זעלביקע אינטערעסן, ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

קאַפּיטל 8.

די יונגע יידישע שרייבער אין אַמעריקע און די ספּעציפישע פּראָבלעם, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר. — אַ דור, וואָס ווערט מעגלעך זיין דער לעצטער. — ווינציקער פרייד און נאָך ווינציקער נחת. — עס מוז געפונען ווערן אַן אויסוועג.

עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ פּראָבלעם פון יונגע יידישע שרייבער אין אַמעריקע. יאָ, עס איז דאָ אַזאַ פּראָבלעם און מיר דאַרפן אין אַ געוויסן הינזיכט זיין צופרידן, וואָס זי איז דאָ. ווייל דער פאַקט, וואָס אַזאַ פּראָבלעם עקזיסטירט, באַווייזט, אַז עס זיינען דאָ יונגע יידישע שרייבער. הלוואַי וואָלטן מיר אויך געהאַט אַ פּראָבלעם פון אַ יונגן יידישן לייענער. דאַן וואָלטן מיר געוואוסט, אַז יידיש האָט זיכער אַ צוקונפט, ווייל עס זיינען פאַראַן יונגע מענטשן, וואָס לייענען יידיש. מיר זיינען זיכער, אַז יידיש אַלס אַ שפּראַך וועט נאָך עקזיסטירן הונדערטער יאָרן, אָבער ווען מיר זאָרגן זיך וועגן דער צוקונפט פון יידיש, האָבן מיר אינזינען די שפּראַך אַלס אַ לשון פון מיליאָנען, ווי זי איז עס נאָך היינט־צו־טאָג. אַזוי ווי אָבער מיר וויסן, אַז די גרעסטע טייל פון דער יידישער יוגנט, ניט בלויז אין אַמעריקע, קערט זיך אַוועק פון יידיש אַלס זייער הויפּט־שפּראַך, איז עס נאַטירלעך, אַז יעדער פאַראינטערעסירטער יידיש־רעדנדיקער ייד זאָל זיך פילן שטאַרק באַזאָרגט.

ווילן מיר דאָ איצט רעדן וועגן דער אָנגעווייטיקטער פּראָבלעם פון דעם יונגן יידישן שרייבער. עס זיינען נאָך דאָ אַ צאָל שרייבער אין אַמעריקע, וועלכע זיינען אין די פריע, צי אין די שפּעטע דרייסיקער. פאַראַן אייניקע פון זיי, וואָס אַרבעטן אין יידישע רעדאַקציעס. פאַראַן טאַלאַנטפולע יידישע דיכטער, פאַראַן דערציילער און פובליציסטן. קיינער פון אָט די יונגע יידישע שרייבער האָט איצט

ניט די מינדסטע געלעגנהייט, אַפילו ווען ער טרעט שוין אַריין אין אַ ציימונג, צו קריגן די ריכטיקע מעגלעכקייט לויט זיינע פייאי־קייטן. אויב ער איז אַ פּובליציסט, צי אַזוי אַ פיינער זשורנאַליסט, קיינער וויל דערפון נישט הערן. דער יונגער יידישער שרייבער איז פאַראורטיילט צו זיין „אַ האַנט" אין דער רעדאַקציע. ער דאַרף טאָן די שוואַרצע אַרבעט. מען גיט אים יאָ אַ געלעגנהייט די ערשטע פּאָר חדשים, אַז ער זאָל שרייבן אָנגעזעענע אַרטיקלען, דאָס הייסט, מען פּרואווט אוים זיינע פייאיקייטן. אַזוי שנעל אָבער, ווי דער שרייבער באַווייזט, אַז ער קען די מלאכה און ער איז טאַקע אַ פייאיקער מענטש, ווערט ער, נאַטירלעך, אָנגעשטעלט. ענדלעך האָט ער שוין דערלעבט די גליקלעכע צייט, ווען ער קען זאָגן, אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער ציימונג משפּחה. ער איז שוין פאַר־זיכערט מיט אַ מינימום איינקונפט און ער איז שוין אַ פּראָפעסיאָ־נעלער שרייבער. טאָ וואָס זשע פּאַסירט דאָן ? ! עס פּאַסירט אַ קלייניקייט. דער יונגער שרייבער, כאָטש ער האָט שוין אַ „דזשאַב," ווערט פאַרלוירן אַלס אַ שרייבער. אין דער רעדאַקציע הויבט מען מיט אים אָן צו פאַרשטעקן אַלע לעכער. גאָר אָפט ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם שרייבער, און באַסטאַ ! מען הערט שוין פון אים ניט מער !

פאַרוואָס פּאַסירט עס גראָד אַזוי און ניט אַנדערש ? איז זיכער דערביי דאָ אַן אורזאַכע און ווידער קומען מיר צוריק צו דעם זעלבן קוואַל פון אַלע אונדזערע צרות אויף יידיש. עס איז ניטאָ קיין דור נייע יידישע לייענער און במילא זיינען ניטאָ קיין נייע יידישע ציימונגען. די דריי, פיר גרויסע יידישע ציימונגען, האָבן דעם זעלביקן קרייז לייענער, וועלכער ווערט מיט יעדן יאָר פאַרקלע־נערט צוליב דעם, וואָס דער לייענער ווערט עלטער און פאַרשווינדט. וואָלטן געווען, לאָמיר זאָגן, צענדליקער טויזנטער יידישע יונגע נייע לייענער, דאַן וואָלטן זיי אַליין געוואָלט האָבן נייע שרייבער, נייע זאָגער, נייע פרעדיקער. דער יונגער לייענער וויל צו יעדער צייט האָבן אויך אַ שרייבער פון זיינע יאָרן, פון זיין וועלט, פון זיין לעבנסגאַנג. דער עלטערער לייענער, ער איז צופרידן, אַז איר דרייט אים ניט דעם קאָפּ מיט נייע איינפירונגען, נייע געדאַנקען, נייע נע־מען. אַז ער האָט שוין גאַרניט דעם זכרון נייע נעמען צו געדענקען.

עס איז מעגלעך, למשל, אין דער ענגלישער פּרעסע, טאַקע ביי אונדז דאָ אין ניו־יאָרק, אַז עס זאָל זיך שאַפן איבערנאַכט אַ נייע צייטונג און אין איין יאָר אָדער צוויי ווערן באַקענט אָדער אַפילו באַרימט אַ צאָל שרייבער, וואָס קיינער האָט פון זיי פריער קיינמאָל ניט געהערט.

אין יידיש אָבער זיינען שוין דאָ די באַשטימטע צאָל זשורנאַ־ליסטן און פּובליציסטן, וואָס יעדער יידישע צייטונג קען נוצן לויט אירע מעגלעכקייטן. אין יעדער רעדאַקציע זיינען דאָ די באַשטימ־טע צאָל גענעראַלן און אָפיצירן און אויב מען שטעלט אַ נייעם מענטשן אָן, דאַרף ער וויסן, אַז ער קומט אָן אַלס סאָלדאַט און אַ סאָלדאַט דאַרף ער בלייבן אויף יאָרן און יאָרן לאַנג. און אויב ווידער עס פעלט אוים אַ גענעראַל, זיינען דאָך פאַראַן אַ היפשע צאָל יידישע שרייבער מיט פאַרנעם, וואָס זיינען קיינמאָל ניט אָנגעקומען אין קיין יידישער צייטונג, ווייל אפשר איז זייער גרויסקייט גאָר קיינמאָל ניט געוועזן אַזוי גרויס, אָבער זיי האָבן זיך דאָך פאַרט געשאַפן אַ נאָמען, ציט מען זיי צו צו דער אָדער יענער רעדאַקציע, און דער יונגער שרייבער, וואָס וואָלט שוין באַדאַרפט לויט זיין סטאַזש ווערן אויך אַ „גדול,״ פאַרלירט ווידער זיין געלעגנהייט. דאָס אַלץ איז גערעדט אין שייכות מיט וויכטיקער זשורנאַליסטיק און פּובליציסטיק. פיל ערגער איז די לאַגע, ווען עס קומט צו אַזעלכע ענינים, ווי בעלעטריסטיק און פּאָעזיע. דאָ איז דאָס פעלד זיכער פאַרנומען. יעדע צייטונג האָט זיך איר איינעם אָדער צוויי הויף־פּאָעטן און איינעם אָדער צוויי ראָמאַנען שרייבער. עס איז זעלטן דער פאַל, ווען אַ יונגער דיכטער קריגט אַן אָנהאַלט אין אַ צייטונג און פיל זעלטענער איז, אַז אַן ערנסטע בעלעטריסטישע אַרבעט פון אַ יונגן שרייבער זאָל אין אַ צייטונג פאַרעפנטלעכט ווערן.

איך וויים, אַז ביים לייענען אַט די טענות, וועלן אייניקע זאָגן, נו, וואו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַלע יידישע שרייבער, אַפילו יונגערע, זאָלן קריגן אַ געלעגנהייט אין די צייטונגען, ספּעציעל פּאָ־עטן און בעלעטריסטן? זאָלן זיי אַרויסגעבן ביכער! ווייסן מיר אַלע, וואָס אַרויסגעבן אַן יידיש בוך אין אַמעריקע מיינט, באַ־

זונדערס, נאָך דאָס פאַרשפּרייטן פון אַזאַ בוך. און אויב מיר האָבן יאָ אַ פּאָר געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן, פּאַסירט דאָ ווידער דאָס אייגענע ווי אין די צייטונגען. עס זיינען דאָ אַ צאָל סטאַרס, שטערן בלע״ז, און עס איז ניט מער ווי „נאַטירלעך,״ אַז אויב אַרויסגעבן אַ בוך, זאָל עס זיין פון אַ שרייבער „מיט אַ נאָמען.״ צו וואָס שאַפן נייע נעמען, אַז עס זיינען שוין דאָ די אַלטע? ווייל די אַלטע טראָגן מיט זיך שוין דעם גאַראַנטירטן פּרעסטיזש און אויב מענטשן געבן געלט צו שטיצן אָט די פּאָר פאַרלאַגן, נו „ווילן זיי,״ אַז פאַר זייער געלט זאָל דערשיינען טאַקע אַ בוך פון אַ קלאַסיקער אָדער כמו קלאַסיקער. מיר שרייבן און טראַכטן, אַז אפשר איז די דאָזיקע טענה אַ גערעכטע, אָבער וואָס זאָל פאַרט טאָן דער יונגערער יידישער שרייבער, אָט דער, וועלכער האָט קיינמאָל אַפילו די געלעגנהייט ניט געקראָגן צו באַווייזן, אַז אויך ער קען ווערן אַ מענטש מיט אַ נאָמען. און דאָ איז דאָ נאָך אַ צרה. קיין נייע נעמען, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, ווערן מער ניט געשאַפן, ווייל דער לייענער נויטיקט זיך שוין באַלד ניט אין זיי. עס ליגן וויכטיקע ווערק ביי אַ היפּשער צאָל יונגע יידישע שרייבער, קיינער אינטערעסירט זיך אָבער ניט מיט זיי. קיינער פרעגט אויף זיי ניט, קיינער, זעט עס אויס, דאַרף זיי אַפילו ניט.

די עטלעכע עלטערע יידישע שרייבער פאַרנעמען ווידער, לויט זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אויך דעם אויבנאָן אין דער פירערשאַפט פון די קולטור אָרגאַניזאַציעס און עס איז ווידער ניט מער ווי „נאַטירלעך,״ אַז אויב עס זיינען דאָ דערגרייכונגען, זאָלן פון זיי געניסן די זעלביקע אָנגעזעענע יידישע שרייבער.

און דאָ ווילן מיר אָנווייזן אויף איינער פון די שווערסטע טראַגעדיעס, וואָס עס קומט אויס בלויז דעם יונגן יידישן שרייבער איבערצולעבן. עס איז אַ טראַגעדיע, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. עס איז אַ טראַגעדיע פון אומבאַשרייבלעכן עלנט און טרויער, וואָס עס פילט בלויז אַ מענטש, אויף וועמעס שווערן גורל עס איז אויסגעפאַלן צו זיין אַ יונגערער יידישער שרייבער אין מיטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין דעם לאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אַזאַ שרייבער שרייבט און ווייסט, אַז ער

איז מעגלעך דער לעצטער. פון זיין דור, פון זיין עלטער, זיינען די מערסטע יונגערע מענטשן פאַרנומען מיט אַנדערע שפּראַכן, אַנדערע ליטעראַטורן. כאָטש ער אַליין איז יונג אין יאָרן, איז אָבער פאַר זיין שאַפן קיין יוגנט ניט פאַרבליבן. אין דעם דאָזיקן הינזיכט איז דער עלטערער יידישער שרייבער געווען אין אַ פיל גליקלעכער פּאָזיציע. מיט צוואַנציק, דרייסיק און מער יאָרן צוריק, ווען די איצט-באַרימטע יידישע שרייבער האָבן געמאַכט דאָ זייער אָנהויב, האָבן זיי געהאַט פאַר זיך אַ ברויזנדיקע יידישע יוגנט, אַן אימיגראַציע, פול מיט ראָמאַנטישקייט און קאַמפּס-לוסט. עס איז געווען אַ גאָלדענער פּעריאָד, ווען די יידישע פּאָעטן און דיכטער זיינען געווען די העלדן פון טאָג, און ווען נאַאיווע יידישע מיידלעך, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שאַפּ, האָבן געבענקט נאָך די מייסטער פון ליד.

עס וועט אפשר קלינגען סענטימענטאַל, אָבער עס ווילט זיך פרעגן: וואו זיינען זיי די פאַרערער פון דעם יונגן יידישן דיכטער פון היינט-צו-טאָג? וואָס איז פאַר אים פאַרבליבן? וועלכע פרייד און וועלכע גלאָרי?! און אויב ער וויל זיך אפילו אַמאָל אָראָפּרעדן פון הארצן און שרייט אויס אַ פאַרזווייטיקטער, אָט ווי עס האָט עס געטאָן דער יונגער נאָוועליסט, וואָס איז נאָך ניי אין אַמעריקע, ה. איאַלטי, האָט ער אויף שנעל געקראָגן אַן ענטפער און מען האָט אים „דערלאַנגט," אַריינגעזאָגט אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. און פון די זעלביקע ענטפערס איז געווען צו זען, אַז די עלטערע שרייבער איז איננאַנצן ניט נאָענט און ניט קלאָר. די פּראָבלעם פון יונגערן יידישן שרייבער אין זיין טיפסטן טרויער.

איינע פון די טענות צו איאַלטין ווי צו אַלע אַנדערע יונגע איז, אַז דער נייער דור איז געקומען אויף אַלעם גרייטן. עס הייסט, די עלטערע האָבן געבויט און די יינגערע קומען „צו געניסן." נו, עס ווענדט זיך ווי מען קוקט דערויף. געקומען געניסן פון וואָס, ווילט זיך פרעגן? עס איז אמת, אַז די עלטערע האָבן געבויט, האָבן זיי, און **טאַקע זיי**, געגאָסן די גרעסטע פרייד פון דעם אָנהויב פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, פון דעם פּיאָנערן פּעריאָד, ווען אַלץ האָט געברענט אונטער די הענט און געזונגען די ליד פון שאַפן.

דעם שרייבער פון די שורות איז אַט דאָס דאָזיקע גרויסע געפיל באַקאַנט פון דער אייגענער דערפאַרונג, ווען ער האָט געבויט די ערשטע יידישע וואָכן-צייטונג „האַוואַנער לעבן" אויף דעם אינדזל קובאַ. ניט מיט קיין רויזן איז אויסגעפּלאַסטערט דער וועג פון יעדן פּיאָנער. אָבער די דאָזיקע שוועריקייטן לאָקן און רעגן אָן צו מעשים. און שפּעטער, ווען דער ציל איז שוין אַ דערגרייכטער און מען קוקט זיך אום אויף צוריק, זעען אוים אַט די אַלע שטרויכלונגען ווי יובל-דיקע פענער אויף די באַגריסנדיקע טרעפּ פון אַ טריאומף-מאַרש צו דערפאָלג און צו גליק. יע! עס איז דאָ פיל ראָמאַנטישקייט און אַוואַנטורע אין יעדן פּיאָנערן-אָנהויב. און מערסטנס ווערן אָט די אָנהויבן דורכגעפירט אין אַ קרייז און אין אַן אַטמאָספערע פון יוגנט און פון קאַמף. דאַרפן זיך אָט-די שרייבער, וועלכע זייַנען שוין איצטער „דער עלטערער דור" פילן גליקלעך, וואָס אויף זייער גורל איז עס אויסגעפאַלן צו האָבן די זכיה צו שטיין ביי דעם אָנפאַנג פון דעם יידיש-לעבן און ביי דעם אָנפאַנג פון דעם יידישן שאַפן אויף יידיש דאָ אין לאַנד. זיי, „די עלטערע," איז באַשערט געווען די דאָזיקע פרייד. וואָס זאָלן אָבער זאָגן די יונגערע? וועלכע פרייד, אויב אַזעלכעס איז נאָך פאַראַן אויף דער יידישער גאַס, איז זיי צוגעטיילט? ליידער, און „ליידער" איז זיכער ניט דאָס פּאַסנדיקע וואָרט דערצו, איז פאַר דעם יונגן יידישן שרייבער אין אַמעריקע קיין פרייד ניט פאַרבליבן. אים איז ביי זיין פריען אָנהויב שוין געשטאַנען דער מלאך פון אונטערגאַנג ביים סאַמע צוקאָפּנס. און אויב אַפילו עס ווערט שוין פון צייט-צו-צייט יאָ געשאַפן אַ באַוועגונג „צו ראַטעווען," זיינען עס ווידער די אָנגעזעענע „עלטערע," וועלכע „ראַטעווען." די זעלביקע עלטערע, וועלכע האָבן פאַרגעסן אין אָנהויב צו אַקערן די פעלדער, אַז עס זאָל וואַקסן אויך שפּעטער און ניט בלויז זייער אייגענער בוים.

מער אויפמערקזאַמקייט צום יונגערן יידישן שרייבער! דאָס איז די פאָדערונג. עס וועט זיין דער יונגערער שרייבער, וואָס וועט דאַרפן ווייטער ציען דעם פאָדעם. מער פּלאַץ פאַר אים אין די צייטונגען. מער פּלאַץ פאַר אים אין די זשורנאַלן. דרוקט זיינע

ביכער אין אייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן. גיט אים אַזוי פיל פּלאַץ, ווי די עלטערע. גיט אים אַן אָנהאַלט. אויב די עלטערע שרייבער זיינען פאַראינטערעסירט, אַז זייערע ווערק זאָלן האָבן אַ לאַנג לעבן, מוזן זיי זעען, אַז עס זאָלן פאַרבלייבן יונגערע יידישע שרייבער, מיט אַן אָנהאַלט, אַ פּראַקטישן אָנהאַלט אין יידיש. אין די פאַרשידענע קאָמיטעטן מוז אַריינגעצויגן ווערן דאָס ביסל יוגנט, וואָס מיר האָבן נאָך צווישן די יידישע שרייבער.

פון זעלבן מחבר:

האַטואַיי (פּאָעמע)
136 זייטן
אַרויסגעגעבן פון דער
יידישער קולטור געזעלשאַפט, האַוואַנער צוייג
האַוואַנאַ, קובאַ, 1931.

דער גאָלדענער פאַנטאַן (מעשה׳לעך אין פערזן)
116 זייטן
פאַרלאַג „האַוואַנער לעבן״
האַוואַנאַ, קובאַ, 1934.

האַטואַיי (פּאָעמע) אין שפּאַניש
96 זייטן
האַוואַנאַ, קובאַ, 1935.

אידיש אין אַמעריקע מוז גיין באַרג אַרויף
48 זייטן
א. וו. בידערמאַן פאַרלאַג
פילאַדעלפיע־ניו־יאָרק, 1941.

לידער פון אַ שיפבויער
114 זייטן
פילאַדעלפיע, 1944.

From The Library Of
HAROLD A. DAVIS
Lombard, Illinois